קליינער מאס, דאס הייסט איך רעכין ניט וויא ער פארקויפט אלע מאהל (אויף דער גרויסער מאס) נאר איך רעכין וויא ער האט איצט פאר קויפט, אויף דער קליינער מאס איצט איז זיא דער עיקר, אונ ער דארף געבין מעשר את שדרכו להמדד בדקה ומדד בגסה טפלה גסה לדקה אדער פאר קערט אז ער פארקויפט אלע מאהל מיט דער קליינער מאס אונ איז חייב צו געבין מעשר אונ איצט האט ער פארקויפט מיט דער גרויסער מאס, איז די קליינע מאס אטפל צו ווערט בטל צו דער גרויסער מאס אונ איך רעכין ניט וויא ער פארקויפט אלע מאהל מיט דער קליינער מאס נאר אזוי ווי ער האט איצט פארקויפט מיט דער גרויסער מאס אונ איז פטור פון מעשר. ווארום רבי מאיר גייט נאר נאך דער מאס וויא ער פארקויפט איצט, ואזוי איז נאך דער גירסא פון רע"ב עס איז דא נאך אגירסא מיט איין אנדער פשט שטייט אין תוי"ט) איזה הוא מדה גסה ביבש שלשת קבין ובלח דינר וואס ווערט גערופין אגרויסע מאס, ביי אטריקענע זאך הייסט אגרויסע מאס דרייא קבין, אונ פון נאסע זאכין (דהיינו אייל וויין) די מאס וואס ווערט פארקויפט פאר אגילדין דאס הייסט אגרויסע מאס רבי יוסי אומר סלי תאנים וסלי ענבים וקופות של ירק כל זמן שהוא מוכרן אכסרה פטור רבי יוסי זאגט קערב מיט פייגין אונ קערב מיט וויין טרויבין אונ קערב מיט ירק גרינוואר אז מען פארקויפט זייא אן אמאס נאר אויפין ביסיל וויא פיל מען גיט דער פאר דער וואס פארקויפט דארף ניט געבין מעשר ווארום געווים האט דער קויפער מער וויא פיל עס איז ווערט דריבער דארף דער קויפער געבין די מעשר ניט דער פארקויפער:

## גמרא ברכות דף י' ע"ב

הלכה ה' כלה כלי החיצון דחסד דמלכות דבריאה אלף למד:

אמר אביי ואי תימא רבי יצחק הרוצה ליהנות יהנה כאלישע, ושאינו רוצה ליהנות אל יהנה כשמואל הרמתי שנאמר ותשובתו הרמתה כי שם ביתו ואמר רבי יוחנן שבכל מקום שהלך שם ביתו עמו. ותאמר אל אישה הנה נא ידעתי כי איש אלהים קדוש הוא אמר רבי יוסי ברבי חנינא מכאן שהאשה מכרת באורחים יותר מן האיש קדוש הוא

### רש"י

הרוצה ליהנות. משל אחרים יהנה ואין איסור בדבר: כאלישע. כמו שמצינו באלישע שנהנה: והרוצה שלא ליהנות. משל אחרים: אל יהנה.

### רש"י

ואין בדבר לא משום גסות הרוח ולא משום שנאה: כשמואל הרמתי. כמו שמצינו בשמואל הרמתי שלא רצה ליהנות: כי שם ביתו. לעיל מיני' כתיב

אמר אביי ואי תימא רבי יצחק אביי האט געזאגט אונ אנדערע זאגין רבי יצחק האט געזאגט הרוצה ליהנות דער מענטש וואס וויל הנאה האבין פון פרעמדע מענטשין וואס געבין אים מתנות יהנה מעג ער הנאה האבין כאלישע אזוי וויא דער נביא אלישע פלעגט הנאה האבין פון פרעמדע מענטשין וואס האבין אים גיגעבין מתנות אונ עס איז קיין עבירה ושאינו רוצה ליהנות אונ דער מענטש וואס וויל ניט הנאה האבין פון פרעמדע מענטשין אל יהנה זאל ער ניט הנאה האבין, אונ דאס הייסט ניט אגרויסקייט כשמואל הרמתי אזוי ווי דער נביא שמואל הרמתי האט גיטאהן, ער האט אויך ניט גיוואלט הנאה האבין פון פרעמדע שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק ותשובתו הרמתה כי שם ביתו ער פלעגט צוריק קערין אין די שטאט הרמה, ווארום דארט איז גיוועהן זיין שטוב ואמר רבי יוחנן שבכל מקום שהלך שם ביתו עמו האט רבי יוחנן געזאגט אויף וועלכין ארט שמואל איז געגאנגען דארט איז גיוועהן זיין שטוב מיט אים. זיין אייגענע כלים צום גיטרינקען אונ זיין אייגענע עסין ער זאל ניט דארפין הנאה האבין פון פרעמדע, עס שטייט אין פסוק ותאמר אל אישה הנה נא ידעתי כי איש אלהים קדוש הוא די אשה שונמית האט געזאגט צו איר מאן איצט ווייס איך אז דער געטליכער מאן (דער נביא אלישע) איז הייליג אמר רבי יוסי ברבי חנינא רבי יוסי ברבי חנינא האט געזאגט מכאן שהאשה מכרת באורחין יותר מן האיש פון דאנען זעהן מיר אז א אשה דערקענט אגאסט בעסער וויא אמאנספערזאהן דערקענט, איר מאן האט ניט דערקענט אז אלישע איז הייליג, אונ דאס ווייב האט יא דערקענט אז אלישע איז הייליג קדוש הוא ער איז הייליג, דיא שונמית האט געזאגט אויף

אלישע

והיה מדי שנה בשנה וסבב בית אל והמלפה ושפט את ישראל וסמיך ליה ותשובתו הרמתה כי שם ביתו וכי איני יודע ששם ביתו אלא אכולהו מקומות דקרא דלעיל מיניה קאי שכל מקום שהי' הולך

מנא ידעה רב ושמואל חד אמר שלא ראתה זבוב עובר על שלחנו וחד אמר סדין של פשתן הציעה על מטתו ולא ראתה קרי עליו. קדוש הוא אמר רבי יוסי ברבי חנינא הוא קדוש ומשרתו אינו קדוש שנאמר ויגש גחזי להדפה אמר רבי יוסי ברבי חנינא שאחזה בהוד יפיה. עובר עלינו תמיד אמר רבי יוסי בר חנינא משום רבי אליעזר בן יעקב

שם הי' נושא כל כלי תשמישי ביתו עמו שלא ליהנות מן אחרים: בהוד יפיה. בדדיה: תפלה לעני. דרך עניית: יכוין את רגליו זו אצל זו: ורגליהם רגל ישרה. נראין כרגל אחד:

כל המארח ת"ח בתוך ביתו ומהנהו מנכסיו מעלה עליו הכתוב באלו מקריב תמידי'. ואמר ר' יוסי בר חנינא משום ר' אליעזר בן יעקב אל יעמוד אדם במקום גבוה ויתפלל אלא במקום נמוך ויתפלל שנאמר ממעמקים קראתיך ה'. תניא נמי הכי לא יעמוד אדם לא ע"ג כסא ולא ע"ג שרפרף ולא ע"ג מקום גבוה ויתפלל אלא במקום נמוך ויתפלל לפי שאין גבהות לפני המקום שנאמר ממעמקים קראתיך ה' וכתיב תפלה לעני כי יעטוף ואמר ר"י ברבי חנינא משום ר"א בן יעקב המתפלל צריך שיכוין רגליו שנאמר ורגליהם רגל ישרה:

---

אלישע ער איז הייליג מנא ידעה פון וואנען האט זיא געוואסט אז ער איז הייליג רב ושמואל רב אונ שמואל קריגען חד אמר שלא ראתה זבוב עובר על שלחנו איינער זאגט ווייל זיא האט ניט געזעהן אפליג זאל גיין אויף זיין טיש וחד אמר סדין של פשתן הציעה על מטתו אונ איינער זאגט זיא האט פארשפרייט אויף זיין בעט אליינוואנרענעם לייליך ולא ראתה קרי עליו אונ זיא האט ניט געזעהן קרי אויף דעם לייליך קדוש הוא ער איז הייליג אמר רבי יוסי ברבי חנינא רבי יוסי ברבי חנינא האט געזאגט זיא האט געמיינט הוא קדוש נאר ער אליין איז הייליג ומשרתו אינו קדוש אבער זיין בעדינער איז ניט הייליג שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק ויגש גיחזי להדפה גיחזי דער בעדינער פון אלישע האט גענענט צו די שונמית איר אפ צו שטויסן פון אלישע אמר רבי יוסי ברבי חנינא רבי יוסי ברבי חנינא האט געזאגט שאחזה בהוד יפיה גיחזי האט אנגענומען דיא שונמית ביי איר שיינקייט (ביי אירע בריסט), עס שטייט אין פסוק דיא שונמית האט געזאגט צו איר מאן עובר עלינו תמיד דער הייליגער מענטש אלישע גייט שטענדיג פאר ביי אונז (ער קומט שטענדיג צו אונז) דריבער וועלין מיר מאכין פון זיינעטוועגין אבעזונדער שטיבול אונ מיר וועלין דארט אריין שטעלין אבעט אשטוהל אטיש אלייכטער, ווען ער וועט קומען צו אונז וועט ער וואהנען אין דעם שטיבול אמר רבי יוסי ברבי חנינא משום רבי אליעזר בן יעקב רבי יוסי ברבי חנינא האט געזאגט פון רבי אליעזר בן יעקב'ס וועגין כל המארח תלמיד חכם בתוך ביתו ומהנהו מנכסיו מעלה עליו הכתוב כאלו מקריב תמידין דער מענטש וואס נעמט אריין אתלמיד חכם אין זיין שטוב אונ ער גיט אים הנאה צו האבין פון זיין פארמעגין, רעכונט אויף אים דער פסוק גלייך ווי ער וואלט מקריב גיוועזן קרבנות אין בית המקדש אלע טאג ואמר רבי יוסי ברבי חנינא משום רבי אליעזר בן יעקב נאך האט געזאגט רבי יוסי ברבי חנינא פון רבי אליעזר בן יעקב'ס וועגין אל יעמוד אדם במקום גבוה ויתפלל אמענטש זאל ניט שטיין אויף אהויכין ארט ווען ער דאווינט אלא במקום נמוך ויתפלל נאר ער זאל שטיין אויף אנידעריגען ארט אונ דאווענען שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק ממעמקים קראתיך ה' פון דיא טיפקייט האב איך דיך גאט גערופין תניא נמי הכי מיר האבין אויך אזוי גילערונט לא יעמוד אדם לא על גבי כסא ולא על גבי שרפרף ולא על גבי מקום גבוה ויתפלל אמענטש זאל ניט שטיין אויף אשטוהל אונ ניט אויף אקליינעם בינקעלע אונ ניט אויף אהויכין ארט ווען ער דאווינט אלא במקום נמוך ויתפלל נאר ער זאל שטיין אויף אנידעריגען ארט אונ דאווענען לפי שאין גבהות לפני המקום ווייל עס איז ניט רא קיין גרויסקייט פאר גאט שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק ממעמקים קראתיך ה' פון דיא טיפקייט האב איך דיך גאט גערופין וכתיב נאך שטייט אין פסוק תפלה לעני כי יעטוף עס איז אגיבעט צום ארעם מאן ווען ער וויקולט זיך איין אין זיין קלייד אונ שטייט מיט אונטערטעניגקייט פאר גאט אונ זאגט זיין תפלה ואמר רבי יוסי ברבי חנינא משום רבי אליעזר בן יעקב נאך האט געזאגט רבי יוסי ברבי חנינא פון רבי אליעזר בן יעקב'ס וועגין המתפלל צריך שיכוין רגליו דער מענטש וואס דאווינט שמונה עשרה זאל ער גלייך מאכין זיינע פים, ער זאל שטעלין איין פוס געגין אנדערין עס זאל אויסזעהן ווי איין פוס שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק ורגליהם רגל ישרה זייערע פים זענען גיוועזן ווי איין פוס אגלייכע:

### זוהר תרומה דף קל"א ע"א ת"ת לתלות יוד הא ואו הא

זכאה עמא קדישא דמאריהון בעי עלון וקרא לון לקרבא לון לגביה. כדין עמא קדישא בעאן לאתחברא ולאעלא בבי כנישתא. וכל מאן דאקדים בקדמיתא אתחבר בשכינתא בחבורא חדא. תא חזי ההוא קדמאה דאשתכח בבי

בבי כנישתא (ואוריך בבי כנישתא) זכאה חולקיה דאיהו קיימא בדרגא דצדיק בהדי שכינתא ודא איהו רזא (משלי ח) ומשחרי ימצאונני דא סליק בסליקו עלאה. ותא חזי הא תנינן בשעתא דקב"ה אתי לבי כנישתא ולא אשכח תמן עשרה מיד כועס. ואת אמרת ההוא חד דאקדים אתחבר בשכינתא וקיימא בדרגא דצדיק. אלא למלכא דשדר לכל בני מתא דישתכחון עמיה ביום פלן בדוך פלן. עד דהוו מזמני גרמייהו אינון בני מתא אקדים חד ואתא לההוא אתר בין כך ובין כך מלכא אשכח לההוא בר נש דאקדים תמן אמר ליה כלן בני מתא אן אינון. אמר ליה מארי אנא אקדימנא מנייהו והא אינון אתאן אבתראי לפקודא דמלכא. כדין טב בעיני מלכא ויתיב תמן בהדיה ואשתעי עמיה ואתעביד רחימא דמלכא. בין כך ובין כך אתו כל עמא ואתפייס מלכא עמהון ושדר לון לשלם. אבל אי אינון בני מתא לא אתיין וחד לא אקדים לאשתעי קמי מלכא לאחזאה בגינייהו דהא כלהו אתיין. מיד כעיס ורגיז מלכא. אוף הכא כיון דחד אקדים ואשתכח בבי כנישתא ושכינתא אתיא ואשכח ליה כדין אתחשיב כאילו כלהו אשתכחו תמן דהא דא אוריך לון תמן מיד אתחברת עמיה שכינתא ויתבי בזווגא חד ואשתמודע בהדיה ואותיב ליה בדרגא דצדיק. ואי חד לא אקדים ולא אשתכח תמן מה כתיב (ישעיה נ) מדוע באתי ואין איש. ואין עשרה לא כתיב אלא ואין איש לאתחברא בהדאי למהוי גבאי כד"א איש האלהים למהוי בדרגא דצדיק ולא עוד אלא דאשתמודע בהדיה ושאיל עלוי אי יומא חד לא אתי כמה דאוקימנא דכתיב (שם) מי בכם ירא ה' שומע בקול עבדו:

## יוסף לחק

### מוסר

משערי קדושה ח"ב שער ד'

הגאוה הוא שורש להרבה עבירות אם בין אדם למקום ואם בין אדם לחבירו כי גורם להזיק לחבירו ולשנאתו ולדבר לשון הרע עליו וכאלה רבות ואם בינו למקום שכן כתיב ורם לבבך ושכחת את ה' אלהיך ואחז"ל כל שיש בו גסות הרוח נקרא תועבה שנאמר תועבת ה' כל גבה לב ואמרו בשמתא מאן דאית ביה וראוי לגדעו כאשירה ואין עפרו ננער ושכינתא מיללת עליו ושקול כעובד עבודה זרה וכופר בעיקר וכאלו בא על כל העריות כולן

### הלכה פסוקה

הרמב"ם הלכות ק"ש פרק ב

(א) הקורא למפרע לא יצא בד"א בסדר הפסוקים אבל אם הקדים פרשה לפרשה אע"פ שאינו רשאי אני אומר שיצא לפי שאינה סמוכה לה בתורה. קרא פסוק וחזר וקראו פעם שניה ה"ז מגונה. קרא מלה אחת וכפלה

---

הגאוה הוא שורש להרבה עבירות דאס גרויסקייט איז אנווארציל צו פיל עבירות אם בין אדם למקום ואם בין אדם לחבירו סיי צו דיא עבירות וואס זענען נאר עבירות צו גאט, אונ סיי צו דיא עבירות וואס זענען עבירות צו מענטשין אויך כי גורם להזיק לחברו ולשנאותו ולדבר לשון הרע עליו וכאלה רבות דאס גרויסקייט ברייגגט ער זאל מאכין שאדין צו זיין חבר, אונ ער זאל אים פיינט האבין אונ זאל ריידין אויף אים לשון הרע אונ נאך פיל זאכין אזעלכע ואם בינו למקום אונ אויב ער איז גרויס ביי זיך זינדיגט ער צו גאט אויך שכן כתיב ווארום אזוי שטייט אין פסוק ורם לבבך אז דיין הארץ וועט הויך ווערין, דו וועסט גרויס ווערין ביא דיר אין הארצין ושכחת את ה' אלהיך וועסטו פארגעסין אין גאט ואמרו רבותינו זכרונם לברכה די רבנן האבין גיזאגט כי שיש בו גסות הרוח דער מענטש וואס אין אים איז דא גרויסקייט נקרא תועבה ווערט ער גערופין תועבה, פאר ביאוסת שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק תועבת ה' כל גבה לב אלע מענטשין וואס האבין גרויסקייט אין הארצין זענען פאר מיאוסת ביי גאט ואמרו בשמתא מאן דאית ביה דיא חכמים האבין גיזאגט אין חרם זאל זיין דער מענטש וואס האט אין זיך גרויסקייט וראוי לגדעו כאשרה אונ ער איז ווערט מען זאל אים אפשניידין פון דער וועלט אזוי וויא אלינדין בוים וואס מען האט גערינט צו אים פאר עבודה זרה ואין עפרו ננער אז ער וועט שטארבין אונ עס וועט ווערין פון אים ערד, וועט די ערד זיינע ניט אויפגיוועקט ווערין צו תחיית המתים ושכינתא מיללת עליו אונ די שכינה טרויערט אויף אים ושקול כעובד עבודה זרה וכופר בעיקר אונ ער איז גלייך וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה אונ ווי ער וואלט געלייקנט אז אויף דער וועלט איז ניטא קיין גאט וכאלו בא על כל העריות כולן

(א) הקורא למפרע לא יצא אז ער לייענט קריאת שמע צוריק, האט ער ניט יוצא גיוועזן במה דברים אמורים ווען זענין די רייד גיזאגט גיווארין אז מען לייענט קריאת שמע צוריק איז מען ניט יוצא בסדר הפסוקים אז מען לייענט דיא פסוקים צוריק, ער הייבט אן צו לייענען פון לעצטין פסוק נאכדעם דעם פסוק וואס פאר דעם לעצטין אונ אזוי האט ער געלייענט אפסוק פאר אפסוק ביז דער לעצטער פסוק איז גיוועזן שמע ישראל, איז מען ניט יוצא אבל הקדים פרשה לפרשה אבער אז ער האט געלייענט פריער די פרשה ויאמר ביז אמת, נאכדעם האט ער געלייענט די פרשה והיה אם שמוע ביז ויאמר. נאכדעם האט ער געליינט פון שמע ישראל ביז והיה אם שמוע אף על פי שאינו רשאי אפילו ער טאר ניט, פון רעכטוועגין אני אומר שיצא זאג איך ער האט יוצא גיוועזן לפי שאינה סמוכה לה בתורה ווייל די פרשות שטייען ניט אין די תורה איינע נעבין די אנדערע ואונ שטייען ניט אין די תורה כסדר ווי זיי שטייען אין קריאת שמע) קרא פסוק וחזר וקראו פעם שניה הרי זה מגונה אז ער האט געלייענט אפסוק, אונ האט באלד דעם זעלבינען פסוק נאך אמאהל איבערגעזאגט, איז דאס ניט שיין קרא מלה אחת וכפלה אז ער האט געזאגט אייןווארט אונ האט באלד דעם זעלבינען ווארט נאך

אונ

כגון שקרא שמע משתקין אותו : (ב) קראה סירוגין יצא אפי' שהה בין סירוג לסירוג, כדי לגמור את כולה יצא והוא שיקרא על הסדר. קראה מתנמנם והוא מי שאינו ער ולא נרדם בשינה יצא ובלבד שיהיה ער בפסוק ראשון :

וכאלו בנה במה. ואפי' שיקנה להקב"ה שמים וארץ כאברהם אבינו לא ינקם מדינה של גיהנם וסופו מתמעט ונאסף מן העולם שלא בזמנו ואפי' ירבעם שכל חכמי דורו היו לפניו כעשבי השדה ולא היה בתורתו דופי והיה שונה ק"נ פנים בתורה לא נענש ונטרד מן העולם הזה והעולם הבא אלא מפני גסות הרוח :

אמאהל איבערגיזאגט כגון שקרא שמע משתקין אותו דהיינו ער האט גיזאגט צווייא מאהל דעם ווארט שמע, הייסט מען אים ער זאל שווייגין:

(ב) קראה סירוגין יצא אז ער האט גילייענט אביסול קריאת שמע אונ האט זיך אפגערוהט אין מיטען, אונ האט געלייענט נאך אביסול אונ האט אויך אפגערוהט אין מיטען אפילו שהה בין סירוג לסירוג כדי לגמור את כולה יצא אפילו ביוא יעדער מאהל וואס ער האט אפגערוהט האט ער געווארט אזוי לאנג וואס אין דיא צייט האט מען גיקענט אפלייענען דיא גאנצע קריאת שמע, פון דעם ארט וואס ער האט געהאלטין ביז צום סוף, פון דעסטוועגין האט ער יוצא גיוועןן והוא שיקרא על הסדר נאר ער זאל לייענען דיא פרשות אונ דיא פסוקים כסדר קראה מתנמנם אז ער האט געלייענט קריאת שמע שלעפערדיג והוא מי שאינו ער ולא נרדם בשינה יצא דאס מיינט מען ער איז ניט גיוועןן וואכעדיג אונ ניט שטארק גישלאפין נאר ער האט געדרימזעט! האט ער יוצא גיוועןן ובלבד שיהיה ער בפסוק ראשון נאר ווען ער זאגט דעם ערשטין פסוק דאס איז שמע ישראל. דאמאלס מוז ער זיין וואכעדיג, אונ אויב ער איז גיוועןן שלעפעריג ביוא דעם פסוק שמע ישראל. האט ער ניט יוצא גיוועןן:

אונ עס איז גלייך ווי ער וואלט מזנה גיוועןן מיט אלע ווייבער וואס זענען אסור צו אים וכאלו בנה במה אונ עס איז גלייך וויא ער וואלט גישטעלט אשטיין צו מקריב זיין אויף אים קרבנות חוץ דעם בית המקדש! ואפילו שיקנה להקדוש ברוך הוא שמים וארץ כאברהם אבינו לא ינקה מדינה של גיהנם אפילו ער איז אזוי אצדיק אז ער מאכט דער קענען אויף דער וועלט אז גאט האט בשאפין דיא הימעל אונ די ערד, אזוי וויא אברהם אבינו האט גיטאהן, פון דעסטוועגין אויב ער איז גרוים ביוא זיך וועט ער ניט ריין ווערין פון צו געמשפט ווערין אין גיהנם וסופו מתמעט ונאסף מן העולם שלא בזמנו דער סוף זייגער. וועט זיין ער וועט אלע מאהל ווערין ווייניגער ביז ער וועט פארלענדט ווערין פון דער וועלט פאר זיין צייט ואפילו ירבעם שכל חכמי דורו היו לפניו כעשבי השדה אונ אפילו ירבעם וואס אלע חכמים וואס זענען גיוועןן אין זיין צייט זענען גיוועןן געגין אים וויא דיא גראז פון פעלד ולא היה בתורתו דופי אונ אין זיין לערנען איז קיין פעלער והיה שונה ק"נ פנים בתורה אונ ער האט גילערנט אין דיא תורה הונדערט מיט פופציג טעמים אויף יעדער דין לא נענש ונטרד מן העולם הזה והעולם הבא אלא מפני גסות הרוח וואס ער איז גישטראפט גיווארין אונ פארווארפין גיווארין פון דיא וועלט אונ פון דיא אנדערע וועלט איז נאר גיוועןן דורך זיין גרויסקייט:

# תרומה יום ב תורה

אונקלוס

להמשיך מת"ת דז"א יהוה נפש י יה יהו יהוה רוח יוד הא ואו הא נשמה יהוה חיה יחידה ד' רמילוי יו"ד אל שם ב"ן שבעשיה בניקוד חולם :

ז אבני בורלא ואבני ז **אבני־שהם ואבני מלאים** אשלמותא לשקעא

רשב"ם

(ז) מלאים. שהאבן ממלא עומק המשבצות בעין אבני הטבעות :

רש"י

(ז) אבני שהם. שתים הוצרכו שם לצורך האפוד האמור בואתה תצוה: מלאים. על שם שעושין להם בזהב מושב

עניין חשן ואפוד

דעת זקנים מבעלי התוספות

(ז) אבני שהם. לצורך אפוד וחשן כיצד אבני שהם לאפוד ולקחת את שתי אבני שהם וכתיב ושמת את שתי האבנים על כתפות האפוד ואבני מלואים לחשן כדכתיב ומלאת בו מלואת אבן וגו' וכי האי גונא מצינו הרבה מקראות מתפרשי' המגביהי לשבת המשפילי לראות בשמים ובארץ ועוד אתה מוצא אבני שהם לצורך החושן דכתיב והטור הרביעי תרשיש שהם :

(ז) אבני שוהם ואבני מלואים לאפוד ולחשן. כתיב במוסר (ויקרא לט) רכי יהודה פתח והנשיאים הביאו את אבני

פירוש לתורת אלהים

(ז) אבני איר זאלט נעמען צווייא אבנים טובות וואס ווערט גערופען שוהם ואבני אונ איר זאלט נעמען

# לְאֵפֹד וְלַחֹשֶׁן׃ ח וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ

בְּאֵיפוֹדָא וּבְחוּשְׁנָא׃
ח וְיַעְבְּדוּן קֳדָמַי מַקְדַּשׁ

תרגום ועשו לי מקדש. פירושו ב׳ מצות של עשות מן:

## רשב״ם

(ח) מקדש. לשון מועד שמתקדש ומזומן אליהם לדבר מוכן כדכתיב ונועדתי שמה לבני ישראל:

## שפתי חכמים

ע שלא תאמר אבני שוהם ואבני מלואים לאפוד וכן לחשן פולרך לפרש כן וכתב הרא״ם שאע״פ שהיו אבני שוהם גם בחשן כיון שתלת מלואים כוללת כל אבני החשן הנה גם השהם בכלל אם כן לא אמר אבני שהם רק בעבור אותם אבני שהם שבאפוד לבד: פ דק״ל למה כתיב לי הא בתחלה נמי של הקב״ה הוא ומתרץ ועשו לשמי והוסיף מלת בית לא אחז דבר מקודש סיפיה

## רש״י

כמין גומא ונותנין האבן שם למלאות הגומא קרויים אבני מלואים ומקום המושב קרוי משבצות: לאפד ולחשן. אבני השהם לאפוד ואבני המלואים לחשן ע וחשן ואפוד מפורשים בואתה תצוה והם מיני תכשיט: (ח) ועשו לי מקדש. ועשו פ לשמי בית קדושה:

### עניני חושן ואפוד

השהם ואת אבני המלואים לאפוד ולחשן מ״ש דמלין אלין אקריבו בפולים ולא כר גם אחרת וכא כתיב כל נדיב לב יביאה את תרומת ה׳ וכתיב ואבני שהם ואבני מלואים לאפוד ולחשן. אלא אמר הקדוש ברוך הוא אף על גב דכולהו אליא ככהוא כנכה סליקי אלו אבנים לנשיאים. מ״ט כגין דעל לבא דכהנא האהנא אמר הקדוש ברוך הוא ליתו נשיאים דלבייהו גם בה׳ וייתין אלין אבנין דאינון מסתכלו על לבא ויתכפר עלייהו מגסות לבייהו וכתיב והיה על לב אהרן בבואו לפני ה׳ ועל דא והנשיאים הביאו את אבני השהם ואבני מלואים לכפר עלייהו:

## לקוטים על התורה

(ח) וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם. דער מדרש זאגט ווען גאט האט גיזאגט צו משה זאג צו די יודין זיי זאלין מאכין פון מיינעטוועגין אמשכן וויל איך וויל רוהען צווישען זיי, האבין די מלאכים גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם צו וואס ווילסטו אראפנידערין צו דיא מענשען וואס וואהנען אונטען, עס איז פאר דיר מער כבוד דו זאלסט רוהען הויבין אין הימעל צווישען אונז, האט גאט גיזאגט צו די מלאכים, אזוי ווי איר לעבט אז איך וואלט געדארפט מאהן ווי איר זאגט, נאר אז איך וועל וואהנען אונטען ביי די יודין וועט מיין לויב זיין פון אויף די גאנצע וועלט, ווייל די מלאכים פון די צייט וואס זיי זענען באשאפין גיווארין ביז אייביג, ווערין זייא ניט גיענדערט, ביי זייא איז קיין קראנקייט, זיי זענען ניט הונגעריג אונ ניט דארשטיג. אונ די אלע זאכין וואס מענשען דארף, דארפין זיי ניט, האבין זיי גאר ניט אויף וואס צו לויבין גאט, אין נאר זייער געזאנג פאר גאט איין מאהל אין טאג אדער איין. מאהל אין וואך אדער איין מאהל אין חדש ווי די גמרא זאגט אין די מסכת חולין פרק גיד הנשה), אבער ביי די מענטשען אז זייא נעמען טרינקען אדער זיי געסען עסין לויבין זיי גאט מיט פארשידענע ברכות אויף די פארשידענע עסיגווארג וואס זיי עסין אונ טרינקען, גיט אים גאט אמלבוש מאכט ער אברכה, פון די צייט וואס דער מענטש מאכט אויף דיא אויגין אין דער פריה ביז ער מאכט זיי צו. ווען ער גייט שלאפין, האט ער גאר צו זאגין ברכות אונ לויב צו גאט, דריבער האט גאט גיזאגט צו די מלאכים ווייל מיין לויב וועט זיין ביי די יודין זייער פיל דאס ברויסט איר דארפט ניט בייטיג מיין הילף, איר זענט באשאפין אן אפעלער אויף

## פירוש לתורת אלהים

גֶעמֶען צְוֶעלְף אַנְדֶערֶע אֲבָנִים טובות וָואס זֵייא וֶוענֶען אוּיס גִירֶעכֶינְט מִיט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען אִין פָּרָשַׁת וְאַתָּה תְּצַוֶּה דִּי שְׁטֵיינֶער רוּפְט דֶער פָּסוּק אַבְנֵי מִלּוּאִים לָאֵפוֹד דִיא אַבְנֵי שׁוֹהַם הָאט מֶען בֶּדַארְפְט צוּ דֶעם אֵפוֹד וְלַחוֹשֶׁן אוּנ דִיא אַבְנֵי מִלּוּאִים הָאט מֶען בֶּדַארְפְט צוּ דֶעם חוֹשֶׁן׃ (ח) וְעָשׂוּ לִי אוּנ פוּן דֶער תְּרוּמָה וָואס זֵייא וֶועלִין אָפּ שֵׁיידִין זָאלִין זֵיי מַאכִין דֶעם מִשְׁכָּן אוּנ אִיךְ

## משלי חכמים

(ח) וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם. גאט האט גיזאגט צו משה זאג צו די יודין זיי זאלין מאכין פון מיינעטוועגין אהייליגע שטוב וועל איך רוהען צווישען זיי אין דעם בית המקדש, איז דאך אקשיא צו וואס דארף הקדוש ברוך הוא די יודין זאלין מאכין פון זיינעטוועגין אמשכן, אז הקב״ה וויל האבין אמשכן קען ער דאך זאגין מיט זיין ווארט וועט ווערין אמשכן, אזוי ווי ער האט די גאנצע וועלט באשאפין מיט איין ווארט, נאר מיט דעם משל וועלין מיר וויסען דעם תירוץ, עס איז אמאהל געבליבען איתום אן פאטער אונ מוטער, אונ זיינע עלטערין זענען גיוועזען פון אשיינע פאמיליע, דער יתום איז געאדערעטם גיווארין ביי זיינע קרובים וואס זענען אלע גיוועזען בעלי מלאכות, אמייל פון זייא זענען גיוועזען שניידערס, נאלר ארבעטער, דער יתום האט אויפגעוואקסין אגרויסער למדן אונ זייער שיין, אונ מיט פיל מעלות אונ גוטע מעלות, אגרויסער גביר האט אמאהל גיזעהן דעם בחור איז ער אים גיפעלין ער זאל אים נעמען פאר אאיידים, דער גביר האט אים צו גיזאגט

## מצות השם

(לה) [עשה לח] לבנות בית הבחירה ככניסתם לארץ שנאמר ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם:

(ח) וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ. עס איז אמצוה מען זאל בּאהען אבית - קדש, ווי גאט האט גיזאגט צו משה די יודין זאלין מאכין פון מיינעטוועגין אמקדש, אונ מען מוז מאכין די אלע כלים וואס דארפין זיין אין בית המקדש, אמזבח צו מקריב זיין אויף אים קרבנות, אונ אמזבח צו ברייכערין אויף אים קטורת, אונ אמנורה, אונ אטיש וואס אויף אים זאל ליגען דער לחם הפנים, אונ דער ארון מיט די לוחות וואס דארף שטיין אין קדשי קדשים, אונ נאך כלים וואס האט געדארפט זיין אין בית המקדש, נאר טאמער וועלין מיר פרעגין ווי אזוי קען דאס זיין הקדוש ברוך הוא וואס זיין כבוד איז פוהל אויף די גאנצע וועלט, זאל זאגין אז ער וועט רוהען אין משכן אדער אין בית המקדש, דריבער האט גאט גיזאגט צו משה וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם, איך וועל רוהען אין זיי, אין די יודין וועל איך רוהען, אונ צו שלמה המלך האט אויך גאט גיזאגט איך וועל רוהען אין די יודין האט גאט געמיינט מען זאל מאכין אמקדש, אין דעם מקדש וועלין אלע יודין קומען אונ בעטין ביי גאט אויף אלע זאכין וואס זיי וועלין דארפין, דיא שלמה המלך האט גיזאגט (אין ספר מלכים א קאפיטל ח) אונ אויב איינער וועט זינדיגען וועט ער ברייגגען

וְאַשְׁרֵי שְׁכִינְתִּי בֵּינֵיהוֹן : ט כְּכֹל דִּי אֲנָא מַחֲזֵי יָתָךְ יָת דְּמוּת מַשְׁכְּנָא

# וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם : ט כְּכֹל אֲשֶׁר אֲנִי מַרְאֶה אוֹתְךָ אֵת תַּבְנִית

תו"א ככל אשר אני מראה. סנהדרין יו שבועות טו מנחות כט :

## בעל הטורים

(ח) ושכנתי. רמז לבית ראשון ושבן ת"י שנים וכן ואתה קדוש יושב תהלות ישראל קדוש עולה ת"י שמנין קדוש היה תהלות בישראל ויש בו אותיות ושני ת"כ רמז לת"כ שנים של בית שני : (ט) מראה. בגימטריא גבריאל מלמד שהיה תנור כמין פסיקיא של עור ומראה למשה תבנית המשכן ותבנית כל כליו : וכן תעשו. כ' הכא ואידך וכן תעשו לדעון שזכות אלו הכלים עמד לגדעון וכן כל תעשה לגדעון היה כנגד עבודת המשכן וכליו. נתן הלפידים בכדים להזכיר זכות אלו הכלים. וכראש האשמורה התיכונה להזכיר זכות עבודת המקדש שאז היו תורמין את המזבח

## רשב"ם

(ט) ככל אשר אני מראה. ככל מראיות של כלים ושל בנינים הראה לו ה' למשה כמו שמצינו ביחזקאל בבנין ב' שהראהו בבבל בכל מראות אלקים וגם בריבור הראה לו ופי' לו כמה שכתוב וכן מוכית לפנינו ככל אשר אתה מראה בהר אם בויבור לבד

## רש"י

(ט) ככל אשר אני מראה אותך. (מנחות כט) כאן את תבנית צ המשכן. המקרא הזה מחובר למקרא שלמעלה

## שפתי חכמים

כי שם מקדש בכל מקום לא ימצא כי אם על הבית המקודש : צ דעת רש"י שלא תאמר ככל אשר אני מראה אותך ועשת עשית

## ענין המנורה והארון

(ט) ככל אשר אני מראה אותך וגו'. הנה אם יראה לצורף כף אחת מלאכת ציור ורקמה אף שלא עשה כיוצא בה מימיו. עכ"ז לגודל בקיאותו במלאכה יעשה כמוה. אבל אם לא יראה כף של זהב ממש כ"א תבנית כף מצוייר ולא כדבר הנתפס ביד שלא תשתקע הצורה הנראית בה בלב הרואה כאשר בהיות לפניו כלי ממשי בעל הצורה ההיא. וכן אלו יצויר יראה האדם לבת. אם עשויה ציורים וכפתורים ופרחים. שלא תחתקה בלב הרואה אותם לעשות כיוצא בה כאשר כראותו אותה כגשם קשה שנתון לפניו. ואם יכא לעשותם יטעה בפתות ויתר בציוריה בפתוריה ופרחיה. ויותר מזה יהיה אם גם תבנית הציור הבלתי ממשי ההוא לא ראהו הצורף כ"א זולתו והוא יגיד לו את אשר יעשה. כי אז לא יוכל לצורף כלי אשר ראה תבני' זולתו ולא יעשה כמעשהו. כי המגיד לצורף את אשר ראה יפתות ויעדיף כלך מה מתכונת הצורה. וגם מאשר יאמר אליו ישמיט הצורף. כי לא ידע זולתי ע"פ המגיד. וגם אשר הגיד לו לא ראה הצורה ההיא כי אם כדבר בלתי ממשי. הבלתי נתפס ומצטייר בשכלו להגיד לצורף. וככן לא יבצר מהתחמן לבב אנוש כאמת כאמרו היתכן כי בהראותו ית' אל משה תבנית מנורה משכן וכלים כי לא ראה עצמותם כדבר גשמי רק תבנית של אש. ובכללא במלאכתו לא ידע ציורי הדברים זולתי ע"פ הגדתו של משה. ואיך יוכל עשות ממש כאשר הראה הקב"ה למשה. ע"כ הבטיחו הוא ית' ואמר ככל אשר אני מראה אותך. כלומר שאני מראה אותך ולא את עושה המלאכה. וגם את תבנית וגו' ולא כלים ממשיים לתפוס הציורים. אף על פי כן אני מבטיחך שכן תעשו ממש בלי פחת וייתור. כאלו הם בעצמם ראו ציורם כדבר ממשי :

## פירוש לתורת אלהים

וועל רוהען צווישען זיי: (ט) אונ דאס משכן זאל גימאכט ווערין כּכֹל אֲשֶׁר אזוי ווי איך ווייז דיר דא אויף דעם בארג סיני אוים פייער אֶת תַּבְנִית דאס

## לקוטים על התורה

אייביג, אבער די יודין דארפין אלע מנוח מיין הילף, דריבער מוז איך וואהנען נעבין זיי :

(ט) כְּכֹל אֲשֶׁר אֲנִי מַרְאֶה אוֹתְךָ וגו'. דער ילקוט ראובני שרייבט דער מנהג איז אז מען קריצט אחתימה,

ווערט אויף די חתימה געקריצט די אותיות פאר קערט, אונ אז מען חתמת מיט די חתימה אויף אפאפיר אדער אויף איין אנדער זאך, זענען די אותיות אויף דעם פאפיר גלייך, ווען גאט האט געוויזען צו משה ווי דער משכן זאל געמאכט ווערין, האט ער איהם אויך געוויזען ווי אחתימה, פארקערט, אונ משה האט ניט געוואסט אז מען האט איהם געוויזען פארקערט, האט ער געמיינט אז דער משכן דארף געמאכט ווערין ווי מען האט איהם געוויזען, אונ בצלאל האט איהם גיזאגט דעם סוד אז דער משכן דארף געמאכט ווערין פארקערט ווי מען האט געוויזען צו משה, דריבער האט משה גיזאגט צו בצלאל דו ביזט גיוועזן אין דעם שאטען פון גאט, אזוי ווי דער שאטען איז פארקערט פון דעם מענטש, די רעכטע האנט פון מענטש איז די לינקע פון שאטען אונ די לינקע האנט פון מענטש איז די רעכטע פון שאטען אזוי ווייסטו אז דער משכן איז צו מיר געוויזען גיווארין פארקערט וויא ער דארף געמאכט ווערין '

## משלי חכמים

צו געבין פיל גדן אונ צו בעקליידין די מאכטער מיט טייערע קליידער אונ צירונג, פון די קרובים פון דעם חתן האט דער מחותן פערלאנגט זיי זאלין אים מאכין אפאר קליידער ער זאל האבין צו דעם טאג פון דער חתונה, די קרובים זענען גיוועזן ארעמע לייט אונ האבין ניט גיקענט מאכין אזוי אפאר קליידער, זענען אלע קרובים צו זאמען געקומען אין ביא זייא געבליבען אעצה מיר וועלין צו זאגין דעם מחותן דיא פאר קליידער צו מאכין, נאר מיר זענען דאך די גרעסטע, שניידער פון שטאט אונ די בעסטע נאלד ארבעטער, אונ די טייערע קליידער אונ דיא טייערע צירונג וואס דער מחותן וועט מאכין פאר זיין טאכטער וועט מען דאך אונז געבין צו ארבעטין פון די ארבעט געלט וועלין מיר מאכין פאר דעם חתן די פאר קליידער, דאס זעלביגע איז גיוועזן ביי דעם משכן, גאט האט גיוואלט וואהנען צווישען די יודין, ווי דער מדרש זאגט, אמלך האט געהאט א איינציגע טאכטער האט ער זיא חתונה געמאכט מיט אזוהן פון אמלך, נאך דער חתונה האט דער מאן געוואלט געמען זיין

## מצות השם

ברייגען אקרבן אין דעם בית המקדש וועט גאט אים מוחל זיין די עבירות וואס ער האט גיטאהן, אונ ווייל אין בית המקדש וועלין זיין אלע תפלות אונ קרבנות פון אלע יודין, דריבער וועט דער בית המקדש אינווייניג געהייליגט ווערין, אונ די יודין וועלין געהייליגט ווערין, ווען די יודין וועלין היטען די תורה אונ מצות וואס גאט האט זייא גיבאטין, וועט זיך בהעפטין די הייליגקייט פון גאט מיט די הייליגקייט פון בית המקדש אונ מיט די הייליגקייט פון די יודין, דאס מיינט מען גאט וועט רוהען אין מקדש אונ אויף די יודין, אונ ווען די יודין האבין אויפגיהערט צו היטען תורה אונ מצות, איז אוועק געגאנגען פון זיי זייער הייליגקייט, אונ אז זיי זענען געקומען אין בית המקדש

הַמִּשְׁכָּן וְאֵת תַּבְנִית כָּל־כֵּלָיו וְכֵן תַּעֲשׂוּ: ס י וְעָשׂוּ אֲרוֹן עֲצֵי

### אונקלוס

וְיַת דְּמוּת כָּל מָנוֹהִי וְכֵן תַּעְבְּדוּן: י וְיַעְבְּדוּן אֲרוֹנָא דְאָעֵי שִׁטִּין תַּרְתֵּין

ת"וא ועשו ארון. יומא ג ע"ב שטם ס:

### רשב"ם

היה אומר אשר אתה מראה למה הוצרך לומר בהר: (י) ועשו ארון עצי שטים. לפי שהוא דבוק ארון של שטים נקוד חטף פת"ח. ואע"פ שבמעשה בצלאל מצינו שעשה החלה משכן ואח"כ כלים ארון ומנורה ושלחן. שהיכן יכניס את הארון והשלחן כל זמן

### בעל הטורים

והיא העבודה הראשונה שהיו עושים כהם כיום: (י) ועשו ארון. בכולם כתיב ועשית חוץ מהארון דכתיב ועשו שכל הכלים עשה

### שפתי חכמים / רש"י

המשכן אלא אשר אני מראה אותך כאן דאל"כ אראך מבעי"ל: הימנו ועשו לי מקדש ככל אשר אני מראה אותך: וכן תעשו (סנהדרין טז שבועות יד) לדורות אם יאבד אחד מן הכלים או כשתעשו לי כלי בית עולמים כגון שולחנות ומנורות וכיורות ומכונות שעשה שלמה כתבנית אלו תעשו אותם (תוספתא שבת לח) ואם לא היה המקרא מחובר למעלה הימנו לא היה לו לכתוב וכן תעשו אלא כן תעשו והיה מדבר על עשיית אהל מועד וכליו: (י) ועשו ארון. כמין ארונות שעושים בלא רגלים עשוים כמין ארגז שקורין אישקרי"ן (שריין שראנק) יושב על שוליו:

### ענין המנורה והארון

(י) ועשו ארון עצי שטים וגו'. בכל הכלים נאמר ועשית. ועשית כפרת. ועשית שלחן. ועשית מנורת. וכאן כתיב ועשו. ודרשו רז"ל בזה אמר רבי יהודה בר שלום אמר הקב"ה יבואו הכל ויעסקו בארון כדי שיזכו הכל בתורה והעסק הזה הוא שיתנדבו בלן נארון. ומפני שהתורה היא ראשית לכך קדם הארון לשאר כלים. ומה שנקרא ארון הוא מלשון אורה. על שהתורה שבתוכו נקראת אור. והרב כ"י כתב לפי שנאמר עץ חיים היא למחזיקים בה. ללומדיה לא נאמר. אלא. למחזיקים בה. רמז למחזיקים ידי לומדי תורה. וכהיות שלא כל אדם מוכן ללמוד תורה אבל יש לו בכל אדם שיוכל להיות שיהיה חלקו בתורה. כי אף אם אינו מוכן ללמוד מ"מ יכול הוא להחזיק ידי לומדים ונחשב לו כאלו הוא למדה. כיששכר וזבולן. לכן נאמר ועשו ארון עצי שטים כי מצד היות בארון העץ המרמז על כי עץ חיים היא למחזיקים בה ע"כ הכל יכולין לעשותה לכך נאמר ועשו כי זה דבר שהכל יכולין לעשותו. ואח"כ אמר וצפית אותו זהב טהור מבית ומחוץ תצפנו. בעשיית עצי שטים אמר ועשו וכיפוי הזהב

### דעת זקנים מבעלי התוספות

(י) ועשו ארון. בכלהו כתיב ועשית וכאן כתיב ועשו לפי שהכל חייבין להתעסק בו מפני כבוד התורה שבתוכו וק"ו לתלמידי חכמים שבני עירם מצווים לעשות מלאכתן כדי לכבדם והכי איתא ביומא פרק בא לו ועשו ארון מכאן לת"ח וכו' מבית ומחוץ תצפנו אמר רבא כל ת"ח שאין תוכו כברו אינו ת"ח ועוד צוה הקדוש ב"ה להתעסק בו כדי שיהו כלן מקבלין שכר התורה המונחת בו שם:

### לקוטים על התורה

(י) וְעָשׂוּ אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים וגו'. ביי אלע כלים האט גאט געזאגט צו משה דו זאלסט מאכין, און ביי דעם ארון האט גאט געזאגט צו משה זיי זאלין מאכין דעם ארון, ווייל אין דעם ארון וועגען געלעגין די לוחות און די ספר תורה און צו די ספר תורה געהערין אלע יודין, און דריבער איז געווען דער ארון מיט געבראכענע איילין, צוויי איילין מיט אהאלבע די לייגג פון ארון און איין אייל מיט אהאלבע די ברייט און איין אייל מיט אהאלבע די הייך, צו ווייזין אז די תורה קען מען נאר לערנען אז מען האט אצובראכין הארץ, ניט דער מענטש וואס איז גרויס ביי זיך, ווי די גמרא זאגט פאר וואס איז די תורה געגליכען צו וואסער, אזוי ווי וואסער לויפין נאר אין די נידעריגע ארטער, אזוי די תורה לויפט נאר צו די מענטשין וואס זענען נידעריג ביי זיך. דער ספר כלי יקר שרייבט דריבער שטייט ביי דעם ארון ועשו ארון עצי שטים, ווייל אין די תורה קענען אלע יודין האבין אחלק, אפילו דער עם הארץ וואס קען ניט לערנען קען אויך האבין אחלק אין די תורה, דהיינו ער וועט געבין פרנסה צו תלמידי חכמים וואס לערנען תורה, וועט ער האבין אחלק אין זייער תורה, ווי דער פסוק זאגט עץ חיים היא למחזיקים בה. די תורה איז אבוים פון לעבין צו די מענטשין וואס האלטין זיא, אפילו זיי לערנען ניט נאר זיי דערהאלטין די תורה איין אנדערער זאל לערנען, דריבער זאגט דער פסוק ארון עצי שטים. דער ארון זאל זיין געמאכט פון שטים בוימער, צו ווייזין אז די תורה איז דער בוים פון לעבין, דריבער שטייט ועשו. זיי זאלין

### פירוש לתורת אלהים

געשטאלט פון דעם משכן ואת תבנית און דאס געשטאלט פון אלע זיינע כלים וכן תעשו און אז עס וועט עפיס פאר לארין ווערין פון דיא כלים. אדער אז איר וועט באהען אבית המקדש זאלט איר אזעלכע כלים מאכין אזוי וויא דיא כלים וואס איך וויז דיר דא אויף דעם בארג: (י) ועשו און זיי זאלין מאכין אקאסטען פון טענען האלץ

### משלי חכמים

שרייב און פארין מיט איר אין זיין לאנד, האט דער מלך געזאגט וואס זאל איך טאהן, די טאכטער איז ביי מיר א איינציגע, איך זאל זיא ביי דיר צוריק נעמען, איך האב זיא דאך איין מאהל דיר געגעבין פאר אווייב, איך זאל דיך אויך שיקען מיט איר, קען איך גוט זיין אן איר, נאר איך וועל מיט אייך מיט פארין, ווא איר וועט וואהנען וועט איר דארט מאכין פאר מיר אקליינע שטיבעלע וועל איך וואהנען מיט אייך, דאס זעלבינע איז געווען מיט די תורה, גאט האט געגעבין די תורה צו משה ער זאל זיא געבין צו די יודין, איידער משה איז אראפ געגאנגען מיט די תורה אויף דיא ערד, האט גאט געזאגט, וואס זאל איצט זיין, איך זאל ביי דיר די תורה צוריק נעמען, איך האב זיא דיר איין מאהל געגעבין, דו זאלסט נעמען די תורה און מיט

### מצות השם

מיט תפלה, איז זייער תפלה ניט געווען הייליג, איז אוועק געגאנגען די הייליגקייט פון בית המקדש אויך, און אז די הייליגקייט פון דיא יודין און פון בית המקדש איז אוועק געגאנגען, מיט וועמען וועט זיך בהעפטין דיא הייליגקייט פון גאט, דריבער איז די שכינה אויך אוועק געגאנגען פון בית המקדש און פון די יודין, און אז דיא שכינה איז אוועק געגאנגען פון בית המקדש, איז דער בית המקדש חרוב געווארין, און אז די שכינה איז אוועק געגאנגען

## אונקלוס

אמין ופלגא ארכיה ואמתא ופלגא פותייה ואמתא ופלגא רומיה:

# שתים אמתים וחצי ארכו ואמה וחצי רחבו ואמה וחצי קמתו:

תו"א אמתים וחצי. סנהדרין כט:

### בעל הטורים

שלמה כיולא כהן חוץ מארון: ארון. אותיות אורן שיש בה אורן של ישראל ואותיות נורא כי הוא אש אוכלה: ארון בגימטריא נזר שכתר תורה עולה על כל הכתרים לכן כתיב ועשית עליו זר זהב ובשלחן כתיב ועשית לו לומר שכתר תורה עולם על שאר הכתרים: אמתים וחצי ארכו ואמה וחצי רחבו ואמה וחצי קומתו. כל מדותיו היו שבורות כחצאי אמות ללמד שכל מי שלומד תורה צריך לשבר ולהשפיל עצמו: ועשו ארון. י' פרשיות מתחילין בעשייה כנגד עשרה מאמרות שבהן נברא העולם:

### רשבים

שאין משכן עשוי אלא בצווי הוצרך תח"ת לפרש עשיית הארון והשלחן שבשביל הארון שהוא עיקר של ועשו לי מקדש הוצרך לעשות משכן:

### ענין המנורה והארון

אמר ולפית כי הכל יכולין להחזיק ידי לומדי התורה הרמוז כעץ אבל אין הכל יכולין לעמוד על הנגלה והנסתר שבתורה הרמוז באמרו מבית ומחוץ תצפנה וכן אין הכל תוכם כברם ומה שנאמר אמתים וחצי ארכו וגו' והיו כל אמות הארון שבורות כדי שכל אדם ידמה בנפשו כאלו הוא חסר ולא בא עד תכלית החכמה. ועוד מרמזים האמות שבורות על לב נשבר ונדכה. כמ"ש חז"ל למה נמשלה תורה למים מה מים מניחים מקום גבוה ויורדים למקום נמוך אף דברי תורה מניחים את גסי הרוח ויורדים למי שרוחו שפלה עליו כמי שהוא שייף עיל ושייף נפיק והוא עגו ושפל ברך. והרב אה"ח כתב לכך נאמר בארון ועשו לשון רבים לרמז בזה שגופה של תורה אין יכול להתקיים אלא בכללות ישראל [ואיש אחד ישראלי אין יכול בשום אופן לקיים כל התורה. כי יש כמה מצות בתורה שישראל אסור לעשותם. כמו אכילת תרומה והקרבת קרבנות ולא לכל אדם תבא מצות יבום. ואף לכהן גדול אין שייכות בכל המצות כי אף אם יהיה לו נחלת שדה וכרם פטור מליתן תרומה ומעשר. ועוד כמו אלה. רק כל ישראל בכלל מקיימים כל התורה. זה מקיים המצות השייכים לו וזה מקיים המצות השייכים לו ובצירופם מקיימים כל התרי"ג מצות]:

### פירוש לתורת אלהים

און דיא מאס פון דעם ארון זאל אזוי זיין אמתים וחצי ארכו צוויא איילין מיט אהאלבע זיין לענג ואמה וחצי רחבו און אאייל מיט אהאלבע זיין ברייט ואמה און אאייל מיט אהאלבע זיין הויך:

### לקוטים על התורה

מאכין, אלע זאלין מאכין דעם ארון, אבער ביי דעם בדעקין דעם ארון מיט גאלד פון אינוויינינג און אויסוויינינג דאס האט גאט גיזאגט צו משה ועשית. דו זאלסט מאכין ווייל לערנען תורה אויסווייניג, דעם פשט פון די תורה, און אינווייניג דאס מיינט מען די סודות פון די תורה, דאס קען שוין ניט יעדער מענטש לערנען, נאר איינציגע מענטשין, דריבער שטייט ועשית, דו זאלסט דאס מאכן, און יעדער יוד וואס וויל לערנען תורה מוז ער זיין ריין ווי גאלד אינווייניג און אויסווייניג, דריבער זאגין ספרי מוסר איידער דער מענטש הייבט אן לערנען תורה מוז ער פריער טאהן תשובה, ער זאל קיין רשע זיין, ווארום צום רשע האט גאט גיזאגט ווי קומסטו צו לערנען מיין תורה, דריבער האט מען בקלעבט דעם ארון מיט גאלד אינווייניג און אויסווייניג, און אויף דעם ארון האט מען געמאכט אדעק דאס איז דער כפורת, צו ווייזין אז די סודות פון די תורה זאלין זיין בדעקט. מען זאל דאס ניט זאגין נאר פאר דעם מענטש וואס מען ווייס אז ער איז אירא שמים. אויף דעם כפורת זענען גיוועזען צוויי כרובים, צו ווייזין דער מענטש זאל זיין ריין פון עבירות ווי אקינד, און די כרובים האבין געוועזען מען זאל זיין קינדער, צו ווייזין דער מענטש זאל זיין ריין פון עבירות ווי אקינד, דריבער האבין זיי פארשפרייט די פליגול אין דערהויך, צו גאט, און מיט דעם פרום צו גאט און גוט צו מענטשין, דריבער האבין זיי געקוקט איינער צום אנדערין ווי ברידער פנים האבין זיי געקוקט איינער צום אנדערין ווי ברידער:

### משלי חכמים

איר אראפגיין אויף דיא ערד, קען איך ניט זיין אן די תורה, נאר באלד ווי דו וועסט קומען אויף די ערד זאל מען מאכין פאר מיר אקליינעם וואהנונג, אמשכן, און אין דעם וואהנונג וועל איך וואהנען מיט די תורה, די יודין זענען אבער דאמאלס גיוועזען ארעם אין מצות און האבין געזינדיגט מיט דעם עגל, און האבין קיין כח נעהאט צו פארנעמען דיא היילינגקייט פון גאט ער זאל וואהנען צווישען זיי, דריבער האט גאט גיזאגט צו משה זאג צו די יודין זיי זאלין מאכין דעם משכן, מיט זייער ליבשאפט און מיט זייערע נדבות וואס זיי וועלין געבין אויף דעם משכן ער זאל געמאכט ווערין, און דעם גרויסין חשק וואס זייא וועלין האבין אז איך זאל וואהנען ביי זיי, וועלין זיי פארדינען ביי מיר אז איך זאל ביי זיי וואהנען, דאס זאגט דער פסוק ועשו לי מקדש. ווייל די יודין וועלין מאכין פאר מיר דעם מקדש, דריבער ושכנתי בתוכם, וועל איך וואהנען צווישען זייא:

### מצות השם

נענאנגען פון די יודין, זענען די יודין פארטריבען גיווארין פון ארץ ישראל, און ווייל די יודין אליין זענען שולדיג אין דעם וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין, און וואס זיי זענען פארטריבען גיווארין פון ארץ ישראל, דריבער מוזין די יודין שטענדיג טרויערין אויף דעם חורבן בית המקדש, און זיי האבין גישווארין זיי זאלין אין ירושלים ניט פארגעסין, ביז גאט וועט אויף די יודין רחמנות האבין און וועט דערוועקין זייערע הארצער צו תשובה, דאמאלס וועט דער ביהמ"ק גיבויעט ווערין און די יודין וועלין אויסגעלייזט ווערין פון גלות און וועלין צוריק קומען אין ארץ ישראל:

להמשיך מנ"ה דו"א צבאות נפש צ צב צבא צבאו צבאות רוח יהוה נשמה דנצח אדני נשמה דהוד יהוה חיה
יחידה דנצח יהוה חיה יחידה דהוד אל שם ב"ן שבעשיה:

א ויפסלו בני שלמה ובני חירום והגבלים ויכינו
העצים והאבנים לבנות הבית: ב ויהי בשמונים
שנה וארבע מאות שנה לצאת בני־ישראל מארץ־
מצרים בשנה הרביעית בחדש זו הוא החדש
השני למלך שלמה על־ישראל ויבן הבית ליהוה:
ג והבית אשר בנה המלך שלמה ליהוה ששים־
אמה ארכו ועשרים רחבו ושלשים אמה קומתו:
ד והאולם על־פני היכל הבית עשרים אמה ארכו
על־פני רחב הבית עשר באמה רחבו על־פני הבית:

א ופסלו ארדיכלי שלמה וארדיכלי דחירום וארגובליא ואתקינו אעיא ואבניא למבני ביתא: ב והות בארבע מאה ותמנין שנין למפק בני ישראל מארעא דמצרים בשתא רביעתא בירח זיו ניצניא הוא ירחא תנינא למלך שלמה על ישראל ובנא ביתא קדם יי: ג וביתא די בנא מלכא שלמה קדם יי שתין אמין אורכיה ועסרין פותיה ותלתין אמין רומיה: ד ואולמא על אפי היכלא דביתא עסרין אמין אורכיה על אפי פותיא דביתא עסר אמין פותיא על אפי ביתא:

### מצודת דוד

(א) ובוני חירם. כי גם חירם שלח אליו אומנים מארצו וכמ"ש למטה ובד"ה: (ב) למלך שלמה. חוזר הוא על שנה הרביעית: ויבן. התחיל לבנות: (ג) והבית. בא כלול ההיכל עם בית קדש הקדשים: ארכו. ממזרח למערב: (ד) על פני היכל. למזרחו של ההיכל: ארכו. מדה המרובה נקרא אורך עם שהיא מצפון לדרום: על פני רוחב. אורך האולם מול רוחב ההיכל עשרים מול עשרים: על פני הבית. כמסך לפני המזרח:

### רש"י

(א) ויפסלו. ויהלכו בוזרים: (ב) בחודש זיו. הוא הוא חודש אייר: החודש השני. ניסן ר"ה לחדשים: (ג) על פני. לפני ההיכל לצד מזרח:

דעם פירוש עברי טייטש געפינט מען בייא דער הפטורה פון דער וואך

## כתובים משלי כא

## תרגום

להמשיך מיסוד ומלכות דז"א שין דלת יוד נפש שין שין דלת שין דלת יוד רוח יאהדונהי נשמה דיסוד א אר
אדנ אדני נפש אדני רוח אלף דלת נון יוד נשמה דמלכות יו הו וו הו חיה יחידה דיסוד יהוה חיה יחידה
דמלכות אל שם ב"ן שבעשיה:

א עבד משכיל ימשל בבן־מביש ובתוך אחים יחלק נחלה:
ב מצרף לכסף וכור לזהב ובחן לבות יהוה: ג מרע

א עבדא סוכלתנא ישתלט בברא מבהתנא ובינת אחי נפליג ירותתא: ב צרפא נקי לסאמא וכורא לדהבא ואלהא בדיק לביא: ג גברא

### מצודת דוד

(א) בבן מביש. כבן האדון אשר הוא מלא מדברי בושת: יחלוק נחלה. העבד הזה יקח חלק נחלה בתוך האחים כאלו היה אחד מהם: (ב) מצרף. הכסף והזהב כאשר מי ירלה לדעת כמה יש בהם מן הסוגים יקח ממנו במשקל ידוע וישימו בכור והסוגים יפרף ונשאר הכסף והזהב נקי וכזה יבחן הכל. אבל לבות בני אדם יבחנם ה' הטובה היא אם רעה: (ג) מרע. איש רע מקשיב לשמוע דברי און ושקר וכן בהפוך כי איש שקרן מאזין לשמוע לשון הווה לשבור בני אדם ולהרע

### רש"י

(א) עבד משכיל. נבוכדנאצר על שהשכיל לפסוע ג' פסיעות לכבודו של הקב"ה משל בישראל שהוביש מעשיהם וחלק נחלתם לעיניהם: (ב) מצרף. הוא כלי שצורפין בו כסף: בוחן. יודע מחשבותם: (ג) מרע.

### פירוש ע"ט

(א) עבד משכיל ימשול בבן מביש דער קלוגער קנעכט גיוועלטיגט אויף דעם זוהן פון זיין בעל הבית אויב ער איז אנאר אונ פארשפעטיגט צו שאהן וואס ער דארף טאהן ובתוך אחים יחלוק נחלה אונ דער קלוגער קנעכט וועט נעמען אחלק ירושה גלייך מיט אלע קינדער פון זיין בעל הבית: (ב) מצרף לכסף וכור לזהב צו פרובין זילבער אונ גאלד אויב זייא זענען גוטע אדער פאלשע זענען דא אזעלכע כלים וואס יעדער מענטש קען מיט זייא פרובין ובוחן לבות ה' אבער פרובין דיא הארצער פון מענטשין אויב זיי זענען אמת אדער פאלש. דאס קען נאר גאט פרובין: (ג) מרע מקשיב על שפת און דער שלעכטער מענטש האט ליב צו הערין אלע אומרעכטע אונ פאלשע

בישא ציית לספוותא מקשיב על־שפת־און שקר מזין על־לשון הות: ה לעג
דעאתא שקרא ורגלותא על לרש חרף עשהו שמח לאיד לא ינקה:
לישנא דעאתא : ה דמעדי
במסכינא מרגיז לבריה ודחדי לתברא דחבריה לא מזדכי :

**רש"י**

דטע : מקשיב וגו'. מקבל ל"ה : מזין . מאזין ושומע : (ד) לאיד . לצרת חבירו :

**מצודת דוד**

לאס . ור"ל אהובים המה זה לזה ולא יתפרדו : חרף עושהו . כי כלעגו כאלו יאמר שלמסרון דעתו העני לא ה' פעל כל זאת : שמח לאיד . השמח על תקלת חבירו לא ינקה מן התקלה ההיא כי תבוא גם עליו :

**פירוש ע"ט**

בייד שקר מזין על לשון הות דער פאלשער מענטש פארנעמט צו הערין די בייד וואס מיט זיי וועט ער קענען צוברעכין מענטשין : (ה) לועג לרש חרף עושהו דער מענטש וואס לאכט פון אארעם מאן פארשעמט ער הקב"ה, ווארום ארעמקייט נעמט מען ניט אליין, נאר הקב"ה מאכט א מענטשין ארעם. לאכט ער דאך פון הקב"ה ער קען ניט געבין דעם מענטשין רייכקייט שמח לאיד לא ינקה דער מענטש וואס פרייט זיך אויף זיין חברס בראך, וועט ער ניט ריין בלייבין איםבעשטראפט. נאר עס וועט אויף אים אויך קומען א שטראף :

**עיקר תוי"ט** | **משנה** שבת פרק יט | **ברטנורא**

(א) וקאי אמתני' דסליק מניה וכל צרכי מילה עושין בשבת : [א] מביאו בשבה . וא"ת ויביאו התינוק אצל הכלי דליכא איסור דהמי נושא א"ע . וי"ל דלאחר המילה היה צריך להחזירו לאמו ואז הוה מולה והוה כפות דאינו נושא עצמו וגם אמו מסוכנת ולא תוכל לבא אללו ועי"ל כיון דבקל יביא הכלי מטיבא התינוק שרי ר"א למהר המלוה תו' : [ב] עדים . בגמ' איבעיא אי עדים שנים או אפילו אחד שראוי להעיד במקום אחר וא"ל דא"ה ליתני ע"פ א'. דאיצטריך גומר שהוא ומד יהיו עדים כשרים יחד כמ"א : [ג] עושין כל צרכי . לאתויי הא דת"ר המל כל זמן שהוא עוסק במילה חוזר כין על ציצין המעכבין כו' גמרא ואע"ג דכס"פ דלעיל קתני לה הכא עיקר והתם אגב תו' :

כלי אמלעי דגבורה דמלכות דיליה אלהים

**פרק יט א** רבי אליעזר אומר אם לא הביא כלי מע"ש [א] מביאו בשבת מגולה ובסכנה מכסהו ע"פ [ב] עדים ועוד אר"א כורתין עצים לעשות פחמין ולעשות (ס"א כלי) ברזל. כלל אמר ר"ע כל מלאכה שאפשר לעשותה מערב שבת אינה דוחה את השבת, ושא"א לעשותה מערב שבת דוחה את השבת : **ב** [ג] עושין כל צרכי מילה בשבת . מוהלין ופורעין ומוצצין ונותנין עליה אספלנית וכמון •

פרק יט א ר' אליעזר אומר . אם לא הביא כלי . אזמל . למול את התינוק (א) : מביאו בשבת מגולה. להודיע שחביבה מצוה זו שמחללים עליה את השבת : ובסכנה . שגזרו שמד על המילה : מכסהו על פי עדים . שיעידו שאזמל של מצוה הוא מכיא ולא יחשדוהו שהוא נושא שאר חפציו : ולעשות ברזל . כדי לעשות אזמל למילה : כל מלאכה שאפשר לעשותה . כגון מכשירי מילה הואיל ואפשר לעשותן מערב שבת. אין דוחין את השבת ופליג אדר"א : ושאי אפשר לעשותם מערב שבת. כגון מילה עצמה שא"א לה לעשות דזמנה בח' : דוחה שבת . והלכה כרבי עקיבא : ב מוהלין . חותך את הערל' : ופורעין . העור המכסה ראש הגיד : ומוצצין . את הדם ואף על פי שהוא עושה חבורה שאין הדם ניתק מחיבורו אלא ע"י מציצה : אספלנית . תחבושת :

פרק יט א רבי אליעזר אומר רבי אליעזר זאגט אם לא הביא כלי מערב שבת אויב מען דארף מל זיין אקינד אום שבת און מען האט ניט גיבראכט דעם מוהל מעסער ערב שבת מביאו בשבת מען מעג אים ברייגנען אום שבת מגולה אפ גידעקט אלע זאלין זעהן אז ער טראגט אמוהל מעסער און מען מעג פון וועגין מילה מחלל שבת זיין ובסכנה ווען עס איז גיוועזן אגזרה מען זאל ניט מל זיין מכסהו על פי עדים מעג מען טראגין דעם מוהל מעסער צו גידעקט. נאר עדות זאלין זעהן אז ער טראגט אמוהל מעסער מען זאל אים ניט חושד זיין אז ער טראגט איין אנדער זאך ועוד אמר רבי אליעזר נאך האט רבי אליעזר גיזאגט כורתים עצים לעשות פחמין מען מעג האקין האלץ און מאכין קוילין אום שבת ולעשות כלי ברזל און מאכין איין אייזערנעם מעסער צו מל זיין אום שבת כלל אמר רבי עקיבא אבּער האט רבי עקיבא גיזאגט כל מלאכה שאפשר לעשותה מערב שבת אלע מלאכות ודהיינו צו מאכין דעם מוהל מעסער וואס מען קען דאס מאכין ערב שבת אינה דוחה את השבת טאר מען דאס ניט טאהן אום שבת ושאי אפשר לעשותה מערב שבת און וואס מען קען ניט טאהן ערב שבת ומל זיין פאר שבת קען מען דאך ניט אויב דער אכטער טאג איז שבת) דוחה את השבת מעג מען מל זיין אום שבת : ב עושין כל צרכי מילה בשבת מעג מען מאכין אום שבת אלץ וואס מען דארף צו דעם מל זיין מוהלין מען איז מל אום שבת ופורעין מען רייסט איבער די הויט וואס דעקט צו דיא מילה אום שבת ומוצצין מען ציהט אויס דיא בלוט פון דיא מילה אום שבת ונותנין עליה איספלנית וכמון מען לייגט אויף די מילה אפלאסטער און מען בעשיט מיט צו שטויסענע קיממעל

**לועס בשיניו.** דכל מה דאפשר לשנות משנה: **אם לא טרף יין ושמן.** רגילים היו שהיו טורפין בקערה יין ושמן ומערבין אותן יחד לרפואה על המילה כדרך שטורפין בצים בקערה: **חלוק.** חתיכה של בגד נקובה ומכניסין המילה בתוכו הנקב כדי שלא יחזור העור ויכסה את הגיד: **לא התקין.** לא הזמין: **כורך על אצבעו.** דרך מלבוש לשנותו מדרך הוצאה בחול: **אפילו מחצר אחרת.** לא מבעיא מבית לבית בתוכו חצר אף על פי שלא ערבו אלא אפילו לחצר אחרת שאינה מעורבת עמהם: **ג מרחיצין את הקטן.** האי מרחיצין לאו כדרכו הוא דתנא סיפא לפרושי רישא כיצד מרחיצין כגון לזלף ביד אבל בכלי אפילו לזלף אסור וכ"ש לרחוץ כדרכו: **רבי אלעזר בן עזריה וכו'.** פליג אתנא קמא וסבר מרחיצין את הקטן כדרכו בין לפני המילה בין לאחר המילה וביום השלישי למילה נמי בין בחמין שהוחמו בערב שבת ובין בחמין שהוחמו בשבת עצמו דסכנת נפשות הוא. והלכה כר"א בן עזריה: **ספק** בן ח' הדשים ספק בן ט' דאי בן ח' כאבן בעלמא הוא ואין מילתו דוחה שבת: **ורבי יהודה מתיר באנדרוגינוס.** מדכתיב המול לכם כל זכר לרבות אנדרוגינוס. ותנא קמא ערלתו כתיב מי שהוא כלו ערל יצא זה שאליו נקבה ואין הלכה כרבי יהודה: **ד מי שהיו לו שתי תנוקות וכו'.** פליגי אמוראי בש"ס בגירסת משנה זו והגירסא שתפסו רבותי עיקר כך הוא מי שהיו לו ב' תינוקו' אחד למול אחר שבת ואחד למול בשבת ושכח ומל את של אחר

אם לא שחק מערב שבת. לועס בשיניו ונותן. אם לא טרף יין ושמן מערב שבת ינתן זה בעצמו וזה בעצמו. ואין עושין לה חלוק לכתחלה. אבל כורך עליה סמרטוט. אם לא התקין מערב שבת כורך על אצבעו ומביא ואפילו מחצר אחרת: ג מרחיצין את הקטן בין לפני המילה ובין לאחר המילה. [ד] ומזלפין עליו ביד אבל לא בכלי. רבי אלעזר בן עזריה אומר מרחיצין את הקטן ביום השלישי שחל להיות בשבת שנאמר ויהי ביום השלישי בהיותם כואבים. ספק ואנדרוגינוס אין מחללין עליו את השבת. ור' יהודה מתיר באנדרוגינוס: ד מי שהיו לו ב' תנוקות אחד למול אחר השבת ואחד למול בשבת. ושכח ומל את של אחר השבת בשבת [ה] חייב

[ד] ומזלפין. הזילוף הוא זריקת המים או כל משקה. הר"מ והוא מלשון יזוקו מטר מתורגם יזלפון מטרא: [ה] חייב. ואינו מקלקל דהיה פטור וכן אמרו לגבי מילה מתקן הוא. הר"מ:

---

קימעל אום שבת אם לא שחק מערב שבת אויב ער האט די קימעל ניט צו שטויסן ערב שבת לועס בשיניו ונותן צו קייט ער די קימעל מיט די ציין אום שבת און לייגט ארויף אויף די מילה אם לא טרף יין ושמן מערב שבת אויב ער האט ניט צו מישט ווין מיט אייל ערב שבת ארויף צו גיסען אויף די מילה אום שבת, זאל ער ניט צו מישען אום שבת, נאר ינתן זה בעצמו וזה בעצמו ער זאל ארויף גיסען די ווין בזונדער און די אייל בזונדער ואין עושין לה חלוק לכתחלה און מען טאר ניט מאכין אום שבת אזוי ווי אהעמדיל ארויף צו ציהען אויף די מילה די הויט זאל ניט צוריק ארויף וואקסין אבל כורך עליה סמרטוט אבער ער מעג פארוויקלען אטיכול אויף די מילה אם לא התקין מערב שבת אויב ער האט ניט אן גיברייט די טיכול ערב שבת און אום שבת טאר מען ניט טראגין פון גאס אין שטוב כורך על אצבעו זאל ער ארום וויקלען דיא טיכול אויף זיין פינגער מביא אפילו מחצר אחרת און ער מעג ברייגען דיא טיכול אפילו פון איין אנדער הויף: ג מרחיצין את הקטן מען מעג ארום וואשין דאס קינד אום שבת בין לפני המילה ובין לאחר המילה סאיי פאר דעם מל זיין און סאיי נאך דעם מל זיין ומזלפין עליו ביד ווי אזוי זאל מען אים וואשין, זאגט די משנה מען מעג אויף דעם קינד ארויף שפריצען וואסער מיט די הענט אבל לא בכלי אבער ניט מיט אכלי, און וואשין אזוי וויא מען וואשט אום דער וואכין טאר מען גאר נישט אום שבת רבי אליעזר בן עזריה אומר רבי אליעזר בן עזריה זאגט מרחיצין את הקטן ביום השלישי שחל להיות בשבת מען מעג ארום וואשין דאס קינד אום שבת

בקנים. המעמידים את הגפנים: ושניהם מספקים את הקנים. מ"ע קאמר מ"ע חולקים בקנים לפי ששניהם מספקים את הקנים החדשים בכל שנה: ב בית השלחין. קרקע יבשה שאין די לה מי גשמים: או בית האילן. ובשביל האילן היא חכירה על האחרים שנוטל חלק בפירות בלא טורח: יבש המעין. שכה (א) שממנו משקין אותה: מן חכורו. אם קבלה בחכירות כך וכך כורין לשנה (ב) דמעיקרא לא גלי דעתי' דמשום מעין או אילן קפי ליה בחכירותה: חכור לי בית השלחין זו. גלי דעתיה דבשביל שהיא בית השלחין קפי ליה וחכרה ממנו (ג): ג המקבל שדה. למחצה לשליש ולרביע (ד): והובירה. שלא חרש בה ולא זרעה: אם אוביר. אעשנה בורה: ולא אעביד. ולא אעשה בה פעולה הראויה לה: אשלם במיטבא. כפי מה שהיתה ראויה לעשות אם היתה חרושה וזרועה כראוי:

לפרושי לי'. גמרא: [ד] כשם כו'. ליתא אלא בקבלנו' דאי בחכרנו' לא שייכא חלוקה. רש"י: [ה] בתבן ובקש אותו שנקלן עם השבולי' קרוי תבן והנשאר בארץ קרוי קש. ועתוי"ט: (א) כלומר שנמשך בה מן הנהר הגדול דאלו יבש הנהר הגדול הוי מכת מדינ' דמנכין מחכורו כדתנן במ"ו. גמ': (ב) רש"י ומשום דמתני' בחכירו'. נקטי להו נמי בקבלם חכורו תנן אבל בבדיא איתא בגמרא דמתני' בין בחכירו' בין בקבלנו' (ועפמ"ש דכלים). ועתוי"ט: (ג) רש"י. ולישנא דגמרא הכי הוא מדקאמר זה מכלל דקאי בגויה עסקי' בית השלחין נ"ל דקא"ל בית השלחין כדקיימא השתא משמע דלישנא יתירא דבית השלחין דייק וכרי"ף וכר"מ משמע דמזה דייק: (ד) אבל בחכירות לא שייך דמאי שנין איכא. חכירתו יתן רש"י: [ו] שכך כו'. דאל"כ פטור. וכלומר שכך רגילים לכתוב ולפיכך אע"פ שלא כתב כמו שכתב דמי דאי דוקא שכתב פשיטא שיש לו לקיים כמו שהתנה דהא לא גזים. אלא משלם במיטבא תחלם תו': [ז] ולא כו'. ופי' במקום

דער חוכר אויך טאהן כשם שחולקין בתבואה אזוי ווי דער בעל הבית טיילט זיך מיט דעם ארים מיט די תבואה כך חולקין בתבן ובקש אזוי זאלין זיי זיך טיילין מיט דיא שטרוי אויך כשם שחולקין ביין אזוי וויא דער בעל הבית מיט דעם ארים טיילין זיך מיט די וויין כך חולקין בזמורות ובקנים אזוי זאלין זיי זיך טיילין מיט די צווייגין אונ מיט די שטעקלאך וואס מען שטעלט אונטער די וויינשטאקין וויא זאלין ניט ליגען אויף דיא ערד, פאר וואס זאלין זייא זיך טיילין מיט די שטעקלאך ושניהם מספקין את הקנים (ווייל ביידע ודער בעל הבית אונ דער ארים) מוזין געבין דיא שטעקלאך אויף-צו-הייבין די וויינשטאקין זיי זאלין ניט ליגען אויף די ערד דריבער נאכדעם ווי מען נעמט אראפ דיא וויינ-טרויבין נעמט דער בעל הבית זיינע שטעקלאך וואס ער האט גינעבין אונ דער ארים נעמט זיינע שטעקלאך וואס ער האט גינעבין: ב המקבל שדה מחברו ראובן האט אנגענומען א פעלד פון שמעון, ער זאל אין איר אקערין אונ זייען אונ די תבואה זאל ער אראפ נעמען פון פעלד פאר זיך אונ ער זאל געבין צו שמעון צעהן קארץ תבואה איאהר והיא בית השלחין אונ די פעלד איז טרוקענע ערד וואס רעגינוואסער איז פאר איר ווייניג, מען מוז איר בגיסין מיט וואסער, אונ ווען ער האט אנגענומען די פעלד איז אין איר גיוועזן אקוואל וואסער, איז גרינג גיוועזן צו בגיסין דיא פעלד או בית האילן אדער אין דיא פעלד איז געשטאנען אבוים וואס דער חוכר האט פון אים גענומען פירות אן ארבעט יבש המעין אונ דער קוואל איז אויסגעטריקנט גיווארין ונקצץ האילן אונ דער בוים איז אפ געהאקט גיווארין אינו מנכה לו מן חכורו פון דעסטוועגין טאר ניט ראובן אפ רעכענען צו שמעון פון די חכירות, נאר ער מוז אים געבין די צעהן קארץ תבואה אזוי ווי זיי האבין גירעט, ווייל דער חוכר ווען ער האט געדונגען, האט ער נאר ניט גירעט פון דעם קוואל אונ ניט פון דעם בוים אם אמר לו חכור לי שדה בית השלחין זה אויב דער חוכר האט גיזאגט צום בעל הבית פאר דינג מיר דעם בית השלחין (די טרוקענע פעלד) וועל איך דיר געבין צעהן קארץ תבואה איאהר האט ער געמיינט אויב זיא וועט זיין וויא זיא איז איצט מיט דעם קוואל, וועט ער אים געבין צעהן כורין תבואה איאהר או שדה בית האילן זה אדער דער חוכר האט גיזאגט צום בעל הבית פאר דינג מיר די פעלד וואס אין איר איז דא דער בוים וועל איך דיר געבין צעהן כור תבואה איאהר, האט ער געמיינט ווייל אין דיא פעלד איז דא דער בוים, דריבער וועט ער אים געבין צעהן כורין תבואה איאהר יבש המעין אז דער קוואל איז טרוקען גיווארין ונקצץ האילן אדער דער בוים איז אפ געהאקט גיווארין מנכה לו מן חכורו זאל ער אים אפ רעכענען פון די חכירות, זאל ער אים געבין ווייניגער וויא צעהן כור, ווי פיל מען וועט אפ שאצין (ועתוי"ט): ג המקבל שדה מחברו ראובן האט אנגענומען א פעלד פון שמעון. ער זאל זיין א ארים והובירה אונ ער האט געלאזט ליידיג דיא פעלד, ער האט ניט גיזייט אין איר שמין אותה כמה ראויה לעשות שאצט מען וויא פיל עס וואלט גיוואקסין אין די פעלד דעם יאהר אז מען וואלט אין איר גיזייט ונותן לו אונ דער ארים זאל געבין דעם בעל הבית זיין חלק, וויא ער האט מיט אים בדונגען שכך כותב לו ווארום אזוי שרייבט דער ארים צום בעל הבית. אם אוביר ולא אעביד אשלם במיטבא אויב איך וועל ליידיג לאזין די פעלד אונ

וועל

ד המקבל שדה מחבירו. ולא רצה לנכש ואמר לו מה איכפת לך הואיל ואני [ח] נותן לך חיכורך אין שומעין לו. מפני שיכול לומר לו. למחר אתה יוצא ממנה. [ט] ומעלה לפני עשבים: ה המקבל שדה מחבירו ולא עשתה. אם יש בה כרי להעמיד כרי. [י] חייב לטפל בה. א"ר יהודה מה קצבה בכרי. אלא אם יש בה כדי נפילה: ו המקבל שדה מחבירו ואכלה חגב או [יא] נשדפה. אם מכת מרינה היא [יב] מנכה לו מן חיבורו. אם אינה מכת מרינה.

שאין שם מנהג ידוע שלא לנכש אבל אם נהגו שלא לנכש הכל הולך אחר המנהג: [ח] נותן כו'. והא ליתא אלא בחכירותא דאי בקבלנות פשיטא מי מצי א"ל מאי אכפת לך רש"י: [ט] ומעלה כו'. כלומר אפי' א"ל באחרונה אני חורש אותה מצי א"ל שמעלה לפני עשבין ע"י הזרע שנופל מהן לארץ ויצמחו לשנה הבאה ולזו לא תועיל חרישה. גמרא: (ה) דאי בחכרנות' מה לו לבעל השדה אם יחדל לו. סוף סוף חכורו הוא נותן לו. רש"י: [י] חייב כו'. מפרש בברייתא שכך כותב לו. אנא איקום ואכור ואזרע וכו' ואיקום כריא קדמך וכ"ל דלהכי לא תני ליה תנא דידן לאשמעי' דאפי' לא כתב וכמ"ש לעיל [במ"ג]: (ו) ולפי פירש"י זרע שמפזרין במפולת יד: (ז) דאי בקבלנות מאי מנכס אינא מאי שימלאהו יחלוקו רש"י: [יא] נשדפה. לשון שדפון: [יב] מנכה. הכל לפי ההפסד שארעו הר"מ ור"ל דאזלי' בתר שדה שלו פין להקל בין להחמיר אם אין לקוי השדות כולן שוות

ד ולא רצה לנכש. לנקות התבואה מעשבים רעים שמתישים כח הקרקע ומעכבין התבואה מלעלות: מה איכפת לך. אם יחסר חלקי. שהעשבים מכחישין השבלים אתן לך חכורך כך וכך כורים שפסקתי עמך: ה המקבל שדה מחבירו. למחצה לשליש ולרביע כארים (ה): ולא עשתה. תבואה אלא מעט ובא לו האריס למנוע מלהתעסק בה עוד שאין בה כדי טרחו: אם יש בה כרי. לעשות מתבואתה: כרי. שיש בו כדי לכסות הרחת שזורים בה התבואה והוא קרוב לסאתים: חייב לטפל בה. בע"כ: מה קצבה בכרי. אין קצבה זו ראיה שתהיה שדה גדולה כשעור כרי ושדה קטנה כשעור כרי ואינו דומה טפולה של שדה גדולה לטפולה של שדה קטנה: אלא אם יש בה כדי נפילה. כלו' כשיעור מה שזורע בה (ו) חייב לטפל בה ואין הל' כר"י: ו המקבל שדה. בחכירות כך וכך כורין (ז): מבת מרינה. שאכלה חגב או נשתדפו רוב שדות של אותה מדינה או

---

נועל ניט ארבעטין אין איר, זאל איך דיר בצאהלין דיין חלק מיט דיא בעסטע תבואה: ד המקבל שדה מחבירו ראובן האט אנגענומען אפעלד פון שמעון אויף חכירות ולא רצה לנכש און ראובן האט ניט געוואלט אוים רייסין די שלעכטע גראז וואס וואקסט צווישען דיא תבואה ואומר לו מה אכפת לך און ראובן זאגט צו שמעון וואס הארט דיך וואס איך רייס ניט אוים די שלעכטע גראז הואיל ואני נותן לך חכורך איך גיב דאך דיר דיינע חכירות אין שומעין לו פאלגט מען ניט דעם ארים נאר ער מוז אוים רייסין דיא גראז מפני שיכול לומר לו ווייל שמעון קען זאגין צו ראובן למחר אתה יוצא ממנה ומעלה לפני עשבים מארגין (אדער איין אנדער טאג) וועסטו ארוים גיין פון די פעלד דו וועסט ניט וועלין זיין אין איר אחוכר וועט דיא גראז אויף וואקסין פאר מיר, איך זאל זיא מוזין אוים רייסין: ה המקבל שדה מחבירו ראובן האט אנגענומען אפעלד פון שמעון, ער זאל זיין אין איר אאריס ולא עשתה און עס האט ניט געוואקסין נאר אביסול תבואה, זאגט ראובן פאר דעם ביסול תבואה לוינט אים ניט צו ארבעטין אין דיא פעלד אם יש בה כדי להעמיד כרי אויב עס איז דא אזוי פיל תבואה אז מען קען פון די תבואה אויף שיטען אבארג, אז מען וועט ארויין שטעלין די שופלע וואס מען שופלעוועט מיט איר דיא תבואה) אין דעם בארג תבואה וועט מען זיא ניט ארוים זעהן, דאס איז נאנט פון צוויי סאה תבואה חייב לטפל בה מוז דער ארים זיך מטריח זיין צו ארבעטין ביי די תבואה אבער אז עס איז ניטא אין פעלד צווייא סאה תבואה איז דער ארים ניט מחויב זיך מטריח צו זיין אין דיא פעלד אמר רבי יהודה האט רבי יהודה גיזאגט מה קצבה בכרי וויא אזוי קען מען זאגין א אויסגיזעצטע מאס ביי אלע פעלדער גלייך, אויב עס איז דא אבארג תבואה פון צוויי סאה מוז דער ארים ארבעטין בייא דיא תבואה, און אויב עס איז ניטא צוויי סאה תבואה דארף ניט דער ארים ארבעטין אין פעלד, עס איז דא אגרויסע פעלד און אקליינע פעלד, ביי אקליינע פעלד קען לוינען צו ארבעטין בייא דיא גאנצע פעלד פאר די צוויי סאה, אבער ביי אגרויסע פעלד קען געווים ניט לוינען צו ארבעטין בייא דיא גאנצע פעלד פאר דיא צווייא סאה תבואה אלא אם יש בו כדי נפילה נאר אויב עס איז דא אראפ צו נעמען פון פעלד אזוי פיל תבואה ווי פיל מען האט פארזייט, מוז דער ארים ארבעטין אין די פעלד, און אויב עס איז דא ווייניגער וויא מען האט פארזייט, קען מען ניט גייטין דעם ארים ער זאל ארבעטין אין דיא פעלד: ו המקבל שדה מחברו ראובן האט אנגענומען אפעלד פון שמעון אויף חכירות ואכלה חגב און אהיישעריק האט אויף גיגעסין דיא תבואה פון פעלד או נשדפה אדער דיא תבואה איז אויסגעקלאפט גיווארין פון אהאגיל אדער פון אווינט אם מכת מדינה היא אויב די מכה איז גיוועזן אין דיא מדינה ביי פיל מענטשין, די היישעריקען האבין אויף גיגעסין תבואה פון נאך אנדערע פעלדער אויך אדער דיא תבואה פון אנדערע פעלדער זענען אויך אויסגעקלאפט גיווארין מנכה לו מן חכורו זאל ער מינערין פון דיא חכירות, זאל ער אים געבין ווייניגער וויא ער האט אים צו גיזאגט אם אינו מכת מדינה אויב די מכה איז ניט גיוועזן אין דיא מדינה. דיא היישעריקען האבין נאר גיגעסין די

אין מנבה לו מן חיכורו. רבי יהודה אומר אם קיבלה הימנו במעות בין כך ובין כך אינו מנבה לו מחיכורו: ז המקבל שדה מחבירו [יג] בעשרה כור חטים לשנה לקתה נותן לו מתוכה. היו חיטיה יפות. לא יאמר לו הריני ליקח לך מן השוק. אלא נותן לו מתוכה: ח המקבל שדה מחבירו לזרעה שעורים. לא יזרענה חטים חטים יזרענה שעורים. רשב"ג אוסר. תבואה [יד] לא יזרענה קטנית. קטנית יזרענה תבואה. (נ"א בהיפך). רשב"ג אוסר: ט המקבל שדה מחבירו לשנים מועטות לא יזרענה פשתן ואין לו בקורת שקמה. קיבלה הימנו לשבע שנים שנה ראשונה יזרענה פשתן. ויש לו בקורת שקמה:

אותה בקעה: אינו מנבה. דאמר לו מזלך גרם: בין כך ובין כך. אפי' הוא מכת מדינה: אינו מנבה. שאל המעות לא נגזרה גזרה: ז ולקתה. שהיו חטים שדופית: נותן לו. עשרה כורים שפסק עמו מחטים שדופית הללו ולא מצי היאך למימר ליה חטים יפות קא בעינא מינך: ח המקבל שדה מחבירו לזרעה שעורים. בחכירות כך וכך שעורים או חטים או מעות (ח): לא יזרענה חטים. שהחטים מכחישות הקרקע יותר מן השעורים: רשב"ג אומר שקש' לקרקע כשזורעי' אותה שנה ממין זה ושנה ממין אחר (ס). ולענין פסק הלכה הכל לפי הקרקע ולפי המקום אם התנה עמו כדבר שמכחיש הקרקע מעט אינו יכול לשנות לזרוע דבר שמכחיש הרבה ואיפכא שרי: ט לשנים מועטות. פחות מז' שנים: לא יזרענה פשתן. שזרע פשתן מכחיש הארץ הרבה (י) ושרשיו נשארים בקרקע עד שבע שנים: ואין לו בקורת שקמה. עץ תאנה של יער

סמ"ע: [יג] בעשרה כו'. דאי בקבלנות פשיטא דכל אחד זוכה ומתחייב בחלקו רש"י: (ח) דאי בקבלנות הא אמרינן תכתוב ארפ' ולא תכתוש מרה וכרי הוא נסנה בשינוי של זה רש"י מפני שסשבח יהיה מפתה בכיסו והוא טוב לו משיסאר אותו שבח עלמו בקרקע נ"י והמגיד בשם הרמב"ן כתב דאדרבה בקבלנו' לא ישנה שיכול לומר בזו אני רולה ועתוי"ט: (ט) ה"נ פסק עמו חטין שמא הוא זרע חטין בשנה שעברה ואם יזרענה זה שעורים נמלא זה מקלקלה. רש"י: [יד] לא כו'. פרש"י שהקטנית מכחש' הקרקע יותר מן התבואה ועתוי"ט: (י) והא לא מתוקמא

תבואה פון די פעלד, און ניט פון אנדערע פעלדער. אדער דער האגיל האט נאר אוים־געקלאפט דיא תבואה פון די פעלד אליין און ניט פון דיא אנדערע פעלדער אין מנבה לו מן חכורו זאל ער ניט מינערין פון די חכירות. ווארום מען זעהט אז דאס איז נאר דער שלעכטער מזל פון ראובן, פאר וואס זאל שמעון שאדין האבין דורך ראובן רבי יהודה אומר אם קבלה הימנו במעות רבי יהודה זאגט אויב ראובן האט געדונגען די פעלד פון שמעון ער זאל אים בצאהלין געלט בין כך ובין כך סיי אזוי און סיי אזוי סיי דער היישעריק האט אויפגינגעסין די תבואה פון אלע פעלדער און סיי ער האט נאר גינגעסין די תבואה פון דיא פעלד אינו מנבה לו מן חכורו טאר ער אים ניט אפ רעכענען פון דיא חכירות: ז המקבל שדה מחברו בעשרה כור חטים לשנה ראובן האט אנגענומען אפעלד פון שמעון, ער זאל אים געבין צעהן כור ווייץ איאהר גיטין געלט פון די פעלד ולקתה און דיא תבואה איז אויסגיקלאפט גיווארין, דיא קערנער ווענען דין און קליין נותן לו מתוכה גיט ער אים צעהן כור ווייץ פון דיא ווייץ וואס האט געוואקסין אין דיא פעלד היו חטים יפות אויב אין דיא פעלד האט געוואקסין גוטע ווייץ, בעסערע ווי אין אנדערע פעלדער לא יאמר הריני ליקח מן השוק טאר ניט ראובן זאגין צו שמעון איך וועל קויפין צעהן כור ווייץ פון גאס און וועל דיר געבין אלא נותן לו מתוכה נאר ער מוז אים געבין צעהן כור ווייץ פון די ווייץ וואס האט געוואקסין אין דיא פעלד: ח המקבל שדה מחברו ראובן האט אנגענומען אפעלד פון שמעון ער זאל זיין אחוכר ער זאל געבין צו שמעון צעהן כור תבואה פון די תבואה וואס ער וועט אראפ נעמען פון די פעלד און ער האט גיזאגט צו שמעון לזרעה שעורים ער וועט זייען אין די פעלד גערשטין לא יזרענה חטים טאר ער ניט זייען אין דיא פעלד ווייץ חטים אז ראובן האט אויס גירעדט מיט שמעון ער זאל אין די פעלד זייען ווייץ יזרענה שעורים מעג ער אין איר זייען גערשטין, ווארום ווייץ מאכט מער מאגער די ערד ווי גערשטין רבן שמעון בן גמליאל אוסר רבן שמעון בן גמליאל זאגט ער טאר ניט זייען גערשטין אויב ער האט אויס גירעדט ער זאל זייען ווייץ תבואה אז ער האט אויס גירעדט ער זאל זייען אין די פעלד תבואה לא יזרענה קטנית טאר ער ניט זייען אין דיא פעלד ארבעס קטנית אז ער האט אויס גירעדט ער זאל זייען אין די פעלד ארבעס יזרענה תבואה מעג ער אין דיא פעלד זייען תבואה רבן שמעון בן גמליאל אוסר רבן שמעון בן גמליאל זאגט אויב ער האט אויס גירעדט ער זאל זייען ארבעס טאר ער ניט זייען תבואה: ט המקבל שדה מחברו לשנים מעטות אז ראובן האט אנגענומען אפעלד פון שמעון אויף ווייניג יאהרין ווייניגער ווי זיבען יאהר) לא יזרענה פשתן טאר ער ניט זייען אין די פעלד פלאקס ואין לו בקורת שקמה און אויב אין דיא פעלד שטייט אבוים וואס אויף אים וואקסט ווילדע פייגין טאר ער ניט אפ האקין פון אים די צווייגין, ווארום די ווארצלין פון די פלאקס בלייבין אין די ערד ביז זיבען יאהר און מאכין מאגער דיא ערד און די צווייגין פון דיא שקמה דארערט אויך זיבען יאהר ביז זיי וואקסין אויף צוריק ווי זייא זענען גיוועזען קבלה הימנו לשבע שנים אז ער האט אנגענומען די פעלד אויף זיבען יאהר שנה הראשונה יזרענה פשתן ויש לו בקורת שקמה דעם ערשטין יאהר מעג ער זייען אין די פעלד פלאקס און מעג אפ האקין די צווייגין פון דעם

אלא בחכירות דאי בקבלנות מאי דבעי ליזרע שהרי בחכורות מולקים כו רש"י. כלומר ולכחוש ארעא ולא לכחוש מרה נ"י והרמב"ן חולק כדלעיל (אות ח') ועתוי"ט : [טו] מן המנין. כלומר חייב ליתן לו הז' מאות ואע"פ שאין שנה שביעית שוה לשאר שנים לפירות מ"מ שבוע קאמר ולא תלה השכר לפי השנה כמו כשיפא נ"י: (יא) רש"י וז"ל הטור קוצץ קורת שקמה בין אם ירד לתוכה בסוף שבע משנקצצ' בין אם ירד לתוכה בשנה שלישית או רביעית קוצצ' כי שלימו לה שבע שהרי יגדל לבשילא. עד שיחזרו לכמו שהיתה כשירד לתוכה : (יב) לשון רש"י העתיק דקאי אבריי' דסיימא בשכיר לילה שגובה כל היום שנאמר ביומו תתן שכרו כלומר וסיפא לא תבא וגו' ופתח רש"י בלא תבא דסיים : (יג) דשאני של יום מבל לילה משום דאין לילה הולך אחר היום והיום הולך אחר הלילה כששכירתו נמשך בלילה. ולא דמי לשכיר יום דאתמול שאינו גובה אלא כל

**י המקבל שדה מחבירו לשבוע אחת. בשבע מאות זוז השביעית [טו] מן המנין. קיבלה הימנו שבע שנים בשבע מאות זוז אין השביעית מן המנין : יא שכיר יום גובה כל הלילה שכיר לילה גובה כל היום שכיר שעות גובה כל היום וכל הלילה. שכיר שבת שכיר חדש שכיר שנה. שכיר שבוע. יצא ביום גובה כל היום. יצא בלילה גובה כל הלילה וכל היום : יב אחד שכר אדם ואחד שכר בהמה ואחד שכר כלי:**

הוא וקוצצים ענפיו לקורות הבנין והן חוזרים וגדלי' ופחות משבע שנים אינן נעשית קורות הלכך קבלה לפחות מז' שנים לא יקוץ קורות שבה דלאו אדעת' דקורות נחית דבשני' מועטות אינם חוזרים לקורות אבל קבלה לשבע שנים שנה ראשונה זורעה פשתן. וקוצץ שקמה שבה (יא) : יא שכיר יום גובה כל הלילה. שלאחריו. שנאמר לא תלין פעולת שכיר אתך עד בוקר ואי אפשר לומר שבשכיר לילה הכתוב מדבר שהרי אין שכירות משתלמת אלא בסופה דכתיב כשכיר שנה בשנה ודרשינן מניה שכירות של שנה משתלמת בתחלת שנה אחרת אלמא לא הוה משתעבד ליה לשכיר יום עד שקיעת החמה וכי כתיב לא תבא ע"כ (יב) בשכיר לילה תוקמיה שנשתעבד לו לבוקר משכלה שכירתו וכן לא תלין נמי לא תוקמיה בשכיר לילה דהא לא משתעבד ליה עד הבקר (יג) : **שכיר שעות גובה כל היום וכל הלילה**. הכי קאמר שכיר שעות דיום גובה כל היום שכיר שעות דלילה גובה כל הלילה : **שכיר שבוע**. שמיטה : **יצא ביום**. שכלתה שכירתו בבקר או ביום : **גובה כל היום**. וכיון ששקעה חמה עובר עליו : **יצא בלילה**. שכלתה שכירתו בלילה : **גובה כל הלילה וכל היום**. כיון דמשלם פעולתו מתחשך הו"ל שכיר לילה ואינו עובר עליו בבקר עד למחרת בשקיעת החמה : **יב אחד שכר בהמה וא' שכר כלים**. דכתיב לא תלין פעלת שכיר אתך. כל שפעולתו אתך ואפילו

---

בוים שקמה : י הַמְקַבֵּל שָׂדֶה מֵחֲבֵרוֹ לִשְׁבוּעַ אַחַת בְּשֶׁבַע מֵאוֹת זוּז ראובן האט גיזאגט צו שמעון איך דינג בייא דיר דיין פעלד אויף אשמטה פאר זיבען הונדערט גילדין הַשְּׁבִיעִית מִן הַמִּנְיָן איז דער זיבעטער יאהר נדער שמטהו אויך אין צאהל פון די יאהרין, אפילו די פעלד איז דאך ליידיג דעם יאהר שמטה, וואָרום שמטה טאר מען דאך ניט זייען, פון דעסטוועגין מה ראובן בצאהלין צו שמעון דיא גאנצע זיבען הונדערט גילדין, ווייל ער האט גיזאגט ער דינגט אויף אשמטה, אונ אלע ווייסין אז אין אשמטה זייעט מען זעקס יאהר, אונ וואס עס וואקסט פון זיך אליין דעם זיבעטין יאהר מוז מען דאס מפקיר זיין צו אלע מענטשין קִבְּלָה הֵימֶנּוּ שֶׁבַע שָׁנִים בְּשֶׁבַע מֵאוֹת זוּז אָבער אז ראובן האט גיזאגט צו שמעון איך דינג ביי דיר די פעלד אויף זיבען יאהר פאר זיבען הונדערט גילדין אֵין הַשְּׁבִיעִית מִן הַמִּנְיָן איז דער זיבעטער יאהר ושמטה נִיט אין חשבון פון די גֶעדוּנגֶענע זיבען יאהר וואָרום גֶעווים האט ראובן גֶעמיינט זיבען יאהר וואס מען ארבעט אין (זיי אין פעלד) נאר ער האלט די פעלד זיבען יאהר אויסער דעם יאהר שמטה : יא שָׂכִיר יוֹם גּוֹבֶה כָּל הַלַּיְלָה אז איינער דינגט א ארבעטער ער זאל ביי אים ארבעטין אגאנצע טאג, האט דער בעל הבית צייט אגאנצע נאכט נאכדעם טאג צו בצאהלין זיינע שכירות שְׂכִיר לַיְלָה גּוֹבֶה כָּל הַיּוֹם אז איינער דינגט א ארבעטער ער זאל בייא אים ארבעטין אגאנצע נאכט, האט דער בעל הבית צייט מארגין אגאנצע טאג צו בצאהלין זיינע שכירות שְׂכִיר שָׁעוֹת גּוֹבֶה כָּל הַלַּיְלָה וְכָל הַיּוֹם אז איינער דינגט א ארבעטער ער זאל בייא אים ארבעטין ביי טאג אויף אשעה אדער אויף עטליכע שעה, מוז ער אים בצאהלין דעם זעלביגען טאג איידער עס ווערט נאכט, אונ אויב ער דינגט דעם ארבעטער ער זאל ביי אים ארבעטין ביי נאכט אויף אשעה אדער אויף עטליכע שעה, מוז ער אים בצאהלין דיא זעלביגע נאכט איידער עס ווערט טאג שְׂכִיר שַׁבָּת שְׂכִיר חוֹדֶשׁ שְׂכִיר שָׁנָה שְׂכִיר שָׁבוּעַ אז איינער דינגט א ארבעטער אויף אוואך אדער אויף אחודש אדער אויף איאהר אדער אויף אשמטה יָצָא בַּיּוֹם אז דער ארבעטער גייט אוועק פון די ארבעט ביי טאג, די צייט ביז ווי לאנג ער איז גיוועז פאר דונגען האט זיך אוים גילאזט ביי טאג גּוֹבֶה כָּל הַיּוֹם מוז אים דער בעל הבית בצאהלין זיינע שכירות דעם זעלביגען טאג איידער עס ווערט נאכט יָצָא בַּלַּיְלָה אז דער ארבעטער גייט אוועק פון די ארבעט ביי נאכט, די צייט ביז ווי לאנג ער איז גיוועז פאר דונגען האט זיך אוים גילאזט ביי נאכט גּוֹבֶה כָּל הַלַּיְלָה וְכָל הַיּוֹם האט דער בעל הבית צייט אים צו בצאהלין זיינע שכירות די גאנצע נאכט אונ אויף מארגין דעם גאנצין טאג ביז פארין נאכט : יב אֶחָד שְׂכַר אָדָם וְאֶחָד שְׂכַר בְּהֵמָה וְאֶחָד שְׂכַר כֵּלִים סאיי דער בעל הבית האט געדונגען אמענטש ער זאל ביי אים ארבעטין, אונ סאיי ער האט געדונגען אבהמה זיא זאל ביי אים ארבעטין, אונ סאיי ער האט געדונגען אכלי ער זאל מיט איר ארבעטין, אויב ער האט זיי געדונגען זייא זאלין ארבעטין בייא

יש בו משום [טו] ביומו תתן שכרו ויש בו משום לא תלין פעולת שכיר אתך עד בקר. אימתי בזמן שתבעו אבל לא תבעו אינו עובר עליו המחהו אצל חנוני. או אצל שלחני. אינו עובר עליו. שכיר בזמנו. נשבע ונוטל. עבר זמנו. אינו נשבע ונוטל. אם יש [יז] עדים שתבעו ה"ז נשבע ונוטל. גר תושב

בבהמה וכלים: לא תבעו אינו עובר עליו. דכתיב אתך לדעתך ולא מדעתו: המחהו. נתקו (יד) מאללו והעמידו אצל חנוני ואמר לו תן לפועל זה כדינר פירות ואני אשלם. או אמר לשולחני תן לו בדינר מעות: אינו עובר עליו. דכתיב אתך ולא שהמחהו אצל חנוני: שכיר בזמנו נשבע ונוטל. משום דבעל הבית טרוד בפועליו (טו) ולפעמים סבר שנתן והוא לא נתן שקלוה לשבועה מבע"ה (טז) ושדיוה אשכיר: שלא בזמנו. ואע"ג דבעל הבית טרוד בפועליו כי מטא זמן מיזכא רמי אנפשיה ומדכר ולא חשוד בע"ה שהוא עובר על כל תלין: גר תושב שקבל עליו שלא לעבוד ע"ז ואוכל נבלות אין בו משום לא תלין דכתיב

שלילה והא סיפא אתאן לר"ש וס"ל ס"נ בשכיר שעות, דרישא ורישא אתאן כר"י ולדלין קתני (וכמו שפי' הר"ב) וס"ל נמי הכי בסיפא ול"ע על הר"ב והר"מ דס"ל לפי כ"ז ודבסיפא אינה כלי ועוד דלא תקשי רישא לסיפא ועתוי"ט: [טו] ביומו. כלומר משום כולם קרא דביומו דלית ביה עשה דותן ול"ת דלא תבא וגו': (יד) וכ"ל שבוא מל' ומה' על כתף ים כנרת דפ' מספי שעניטו הביט: (טו) גמרא ולאו דוקא פועליו דאפילו אין לו אלא פועל זה דינא הכא אלא טרוד בעסקיו קאמרי'. כ"י: (טז) פי' אי מודה מקלת הוא דחייב שבועה מדאורייתא. ואפי' היכא דכופר הכל מפי הו"ל לחיובי לבעה"ב שעליו לשלם שהרי אם מודה מקלת הוא נשבע ולפי שפיתה ראוי להיות על בעה"ב קאמר דשקלוה. תו': [יז] עדים בר'. בגמרא והא קא תבע ליה

נאכט יש בו משום ביומו תתן שכרו מוז ער בצאהלין פאר זייער ארבעט מארגענדיגען טאג, און אויב עס איז שוין געווארין נאכט און ער האט ניט בצאהלט איז ער עובר אמצוה ביומו תתן שכרו אין דעם זעלבינגען טאג זאלסטו געבין זיינע שכירות. (עתוי"ט), און אויב ער האט זייא געדונגען זייא זאלין ארבעטין ביי טאג, מוז ער בצאהלין פאר זייער ארבעט די נאכט וואס נאך דעם טאג ביז אין דער פריה, און אויב עס איז שוין געווארין טאג און ער האט ניט בצאהלט ויש בו משום לא תלין פעלת שכיר אתך עד בוקר איז ער עובר אויף אלאו דיא געלט פון דיין ארבעטער טאר ניט נעכטיגען בייא דיר ביז אין דער פריה אימתי ווען איז ער עובר אויף אלאו אז ער צאהלט ניט דעם ארבעטער צו דיא צייט בזמן שתבעו אז דער ארבעטער האט אים גימאהנט, אבער לא תבעו אז דער ארבעטער האט אים ניט גימאהנט, און ער האט ניט ניצאהלט אינו עובר עליו איז ער ניט עובר אויף דעם לאו המחהו אצל חנוני או דער בעל הבית איז געגאנגען מיט דעם ארבעטער צו אקרעמער, און האט גיזאגט צום קרעמער גיב דעם ארבעטער סחורה אדער אנדערע זאכין פאר זיינע שכירות, און איך וועל דיר בצאהלין, און דער ארבעטער האט אזוי גיוואלט או אצל שולחני אדער דער בעל הבית איז געגאנגען מיט דעם ארבעטער צו אוועלכין וואס טאהשט געלט און ער האט גיזאגט צו אים גיב דעם ארבעטער קליין געלט פאר זיינע שכירות, און איך וועל דיר בצאהלין, און דער ארבעטער האט אזוי גיוואלט, אפילו דער קרעמער און דער וואס טאהשט דיא געלט האבין ניט גינעבין דעם ארבעטער פאר זיינע שכירות צו דיא צייט, פון דעסטוועגין אינו עובר עליו איז דער בעל הבית ניט עובר אויף אלאו ווארום וויא באלד דער ארבעטער האט איין געווילגט צו נעמען זיין געלט פון קרעמער איז גלייך ווי דער בעל הבית האט אים שוין בצאהלט שכיר בזמנו נשבע ונוטל אפועל וואס קומט מאנען ביי דעם בעל הבית זיין ארבעט געלט, און דער בעל הבית זאגט איך האב דיר בצאהלט, איז דער דין אזוי. אז דער פועל קומט צו דיא צייט (דהיינו ער האט געארבעט ביי נאכט און ער קומט מאנען בייא טאג, אדער ער האט געארבעט ביי טאג און ער קומט מאנען ביי נאכט), דארף דער ארבעטער שווערין אז דער בעל הבית האט אים נאך ניט בצאהלט זיין ארבעט געלט, און דער בעל הבית מוז אים בצאהלין עבר זמנו אבער אז דיא צייט איז שוין אריבער גענאנגען, ווער איז געקומען מאנען זיין ארבעט געלט נאך דיא צייט וואס פריער שטייט), און אין די צייט האט ער ניט גימאהנט אינו נשבע ונוטל זאל דער ארבעטער ניט שווערין און ניט נעמען אם יש עדים שתבעו בזמנו אויב דער ארבעטער האט עדות אז ער האט גימאהנט דעם בעל הבית צו דער צייט און ער האט אים ניט גינעבין, און איצט נאך דער צייט איז ער געקומען מיט דעם בעל הבית צו דין תורה הרי זה נשבע ונוטל זאל דער ארבעטער שווערין אז דער בעל הבית האט אים נאך ניט בצאהלט, און דער בעל הבית מוז אים בצאהלין (עתוי"ט) גר תושב אז איינער האט געדונגען איין ארבעטער אין ארץ ישראל וואס ער איז גיוועזן אבגעטער און ער האט אויף זיך גענומען ער זאל ניט דינען צו קיין אנדערין נאר צו גאט, אבער דיא מצות וואס שטייט אין דיא תורה האלט ער ניט, און מען רופט אים גר תושב, ווייל ער האט זיך נאר מגייר גיוועזן ער זאל מעגין וואהנען אין ארץ ישראל צווישען יודין אויב מען האט דעם גר תושב געדונגען ער זאל ארבעטין בייא נאכט, דארף מען אים בצאהלין זיינע שכירות מארגענדיגען טאג, אויב עס איז

אויעק

יש בו . משום ביומו תתן שכרו . ואין בו משום לא תלין פעולת שכיר אתך עד בוקר: יג המלוה את חבירו . לא ימשכננו אלא בב"ד . ולא יכנס לביתו ליטול משכונו . שנאמר בחוץ תעמוד . היו לו שני כלים . נוטל אחד [יח] ומניח אחד . ומחזיר את הכר בלילה ואת [יט] המחרישה ביום . ואם מת [כ] אינו מחזיר ליורשיו . רבי שמעון בן גמליאל אומר אף לעצמו אינו מחזיר אלא עד שלשים יום . ומשלשים יום ולהלן . מוכרן בב"ד . אלמנה בין שהיא ענייה בין שהיא עשירה אין ממשכנין אותה .

ברישא דקרא רעך . רעך ולא גר תושב : יג המלוה את חבירו . והגיע זמן ולא פרעו : לא ימשכננו . ליקח ממנו משכון בעל כרחו אפי' בשוק (יז) אלא ע"י שליח ב"ד שיקח ממנו ברשות ב"ד : ולא יכנס לביתו . אפי' שליח ב"ד (יח) לא יכנס לביתו וכ"ש ב"ח עצמו (יט) : היו לו ב' כלים . וחובו כנגד שניהם ומשכנו בשניהם : נוטל אחד ומחזיר אחד . בשעה שהוא צריך לזה יחזירנו ויעכב השני אצלו כדמפרש ואזיל מחזיר את הכר בלילה ואת המחרישה ביום : מת . הלוה אין משיב העבוט ליורשים שאין כאן מצות השבת העבוט דהשב תשיב לו את העבוט כתיב לו ולא ליורש : עד ל' יום . זמן ב"ד . ואין הלכה כר"ש בן גמליאל : בין שהיא ענייה בין שהיא עשירה וכו' . משום דאיכא למ"ד ענייה הוא

קמן ומסיק דיש עדים שתבע כל זמנו ופי' הרא"ש כגון שכיר יום בסוף הלילה ושכיר לילה בסוף היום ופריך לעולם כו' וכי שכיר משהה שכרו כ"כ זמן ארוך ומסיק אינו נשבע ונוטל אלא למתר בלבד כנגד אותו יום של תביעה אבל מכאן ואילך הממע"ה ; (יז) אף' ר"י דמדרבנן היא כדאמרי' בגמרא תו' וכ"י והסמ"ע כתב דהר"מ והטור ס"ל דמן התורה עובר אפי' בחוץ . עתוי"ט : (יח) דתניא ממשמע שנאמר בחוץ תעמוד וגו' איני יודע שהאיש אשר אתה נושה בו יוציא אלא מה ת"ל והאיש לרבות שליח ב"ד : (יט) ותימא ואם לא ימלא בידו היאך יכפוהו לפרוע מלותו ור"ת מפרש דלא איירי במשכנו לפרעון אלא שרולה להיות בטוח במעותיו (ר"ל כמ"ש בסמוך . ודוק כדבר) אבל כשרולה ליפרע ממנו שליח ב"ד נכנס לביתו הרא"ש : [יח] ומניח אחד . כלומר אחר שנוטל שניהם למשכון מניח את שהוא צריך לו והדר מפרש איזהו מניח ונקט ליה כל' תורה והר"ב העתיק ומחזיר וניחא טפי : [יט] המחרישה . הקשה המפ' והלא כלי שעושין בו אוכל נפש הוא ואין ממשכנין אותה . ותירלו במשכנו בלילה שאינו זמן מלאכת החרישה ולא אסרה תורה אלא שלא למשכנו בשעה שהיא ראוי לעשות מלאכה וכ"י תי' דמיירי כאס עבר וחבל ועתוי"ט : [כ] אינו כו'. אלא ימכרנו ויגבה

---

אוועק געגאנגען דער טאג און מען האט ניט בצאהלט זיינע שכירות יש בו משום ביומו תתן שכרו איז דער בעל הבית עובר אויף דיא מצות עשה וואס שטייט אין די תורה "ביומו תתן שכרו" אין דעם זעלביגען טאג וואס נאך די נאכט פון זיין ארבעט זאלסטו בצאהלין זיינע שכירות, און אויב מען האט אים געדונגען ער זאל ארבעטין ביי טאג, דארף מען אים בצאהלין זיינע שכירות דיא נאכט וואס נאך דעם טאג. אויב עס איז אוועק געגאנגען די נאכט און מען האט אים ניט בצאהלט זיינע שכירות איז דער בעל הבית ניט עובר אויף דעם לאו פון "לא תלין פעולת שכיר אתך עד בוקר" דיא ארבעט געלט פון דעם ארבעטער וואס האט ביי דיר געארבעט בייא טאג זאל ניט גענעכטיגען בייא דיר ביז אין דער פריה, ווייל אין דעם פסוק שטייט דער ווארט רעך. אויב דער פועל איז אזוי איוד ווי דו ביזט, טאר ניט דאס געלט פון זיין ארבעט וואס ער האט ביי דיר געארבעט ביי טאג גענעכטיגען בייא דיר ביז אין דער פריה נאר ביי נאכט מוזטו אים בצאהלין זיין ארבעט געלט, אבער אז ער איז געוועזן אכנעני און איצט איז ער אגר תושב, מעגסטו אים שפעטער בצאהלין: יג המלוה את חבירו ראובן האט פאר בארגט געלט צו שמעון, און עס איז געקומען די צייט שמעון זאל בצאהלין און ער האט ניט בצאהלט לא ימשכננו אלא בבית דין טאר ניט ראובן נעמען א משכון ביי שמעון, נאר דורך בית דין, בית דין שיקען זייער שליח צו שמעון און דער שליח נעמט ביי שמעון א משכון ולא יכנס לביתו ליטול משכונו און דער שליח פון בית דין טאר ניט אריין גיין צו שמעון אין שטוב

נעמען ביי אים א משכון שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק בחוץ תעמוד דו זאלסט שטיין אויסער די שטוב. און דער וואס איז שולדיג דאס געלט זאל דיר ארויס טראגין דעם משכון היו שני כלים אויב שמעון האט געהאט צוויי כלים, און דער חוב איז אזוי פיל ווי די ביידע כלים זענען ווערט, טאר מען ניט נעמען ביידע כלים נוטל אחד ומניח אחד איין כלי נעמט ער ביי שמעון און איין כלי לאזט ער ביי שמעון. ווען שמעון דארף די ערשטע כלי ניט ער דעם מלוה די אנדערע כלי, און נעמט ביי אים די ערשטע כלי און ווען שמעון דארף די אנדערע כלי, גיט ער דעם מלוה די ערשטע כלי און נעמט ביי אים די אנדערע כלי ומחזיר את הכר בלילה אויב דער מלוה האט גענומען ביי שמעון אקישין מוז ער אוועק געבין די קישין צו שמעון ביי נאכט, און דעם אקער האלט דער מלוה ביי זיך אגאנצע נאכט ואת המחרישה ביום און דעם אקער גיט דער מלוה אוועק צו שמעון ביי טאג, און די קישין נעמט דער מלוה צו זיך אויף דעם גאנצין טאג ואם מת און אויב דער לוה (שמעון) איז געשטארבין אינו מחזיר ליורשיו דארף ניט דער מלוה צוריק געבין דעם משכון צו זיינע יורשים, נאר ער האלט דעם משכון ביי זיך ביז מען בצאהלט אים זיין חוב רבי שמעון בן גמליאל אומר רבי שמעון בן גמליאל זאגט אף עצמו אינו מחזיר אלא עד שלשים יום אפילו צו דעם לוה אליין דארף דער מלוה צוריק געבין דעם משכון נאר ביז דרייסיג טעג ומשלשים יום ולהלן און פון דרייסיג טעג און ווייטער מוכרן בבית דין פארקויפט דער מלוה די משכנות דורך בית דין און נעמט אפ זיין חוב אלמנה בין שהיא ענייה בין שהיא עשירה אין ממשכנין אותה

א אלמנה

חוכו רב"י. אבל כחייו לעולם הם בתורת חורה כו' וממשכנין מעיקרא שלא תהא שביעית משמטתו ולא יעשה מטלטלין אלא כתו - נמרא. ובפעם אחד די ותוזרין וממשכנין כדי שלא יוכל לכפור ועוד כדי שיתביים וימכר לפרוע תר': (כ) דהא ואם איש עני הוא לא תשכב בעבוטו הוא דכתיב: [כח] ולא כו'. אפי' לאדם אחר הוא אסור למשכן מכיתו אלא לעבור עליה שני לאוין ודעת הר"מ דבאלמנה אפילו כחוץ ובב"ד אסור. ועתוי"ט: [כג] החובל כו'. דעת הר"מ שאפי' בשעת שלוה אסור (וכן דעתו באלמנה) ואינו מתוור ל"י: [כג] רחים.

דאין ממשכנין שמתוך שאתה צריך להחזיר לה והיא נכנסת ויוצאת אצלך אתה משיאה שם רע בשכנותיה אבל עשירה דליכא למימר (כ) הכי אימא ממשכן. קמ"ל האי תנא דלא דכתיב לא תחבול בגד אלמנה אי' עניה ואחד עשירה במשמע: משום שני בלים. העליונה רכב והתחתונה ריחים:

שנאמר [כח] ולא תחבול בגד אלמנה. [כב] החובל את [כג] הריחים עובר בלא תעשה. וחייב [כד] משום שני בלים. [כה] שנאמר לא יחבול ריחים ורכב. [כו] ולא ריחים ורכב בלבד אמרו אלא. כל דבר שעושין בו אוכל נפש. שנאמר כי נפש הוא חובל:

פי' של יד שהוא מטלטלין ושייך ביה משכון. אבל כתי רחיים של מים. הרי הם כקרקע ולא שייך ביה משכון אלא בוביינא כשאר קרקעות דלא שייך ביה משכון אלא במטלטלים שאין ממשכנין ליקח קרקע למשכון עוד: [כד] משום ב'. פי' בפתראה אחת אם חבל בפעם א' רחים ורכב לוקה שתים דלאו בשתי התראות אפילו רחים ורכב חייב. עתוי"ט: [כה] שנאמר כו'. כלומר וכיון דקרא פי' תרווייהו וכל אחד הם בפ"ע הוא פתראותיהן חלוקים לא הוו לאו שבכללו': [כו] ולא כו' אמרו כלומר מה שאמרו חכמים דחייב משום ב' בלים ואע"פ שהם למלאכה א' לא כו'. ועתוי"ט:

א אלמנה אז זיא איז שולדיג געלט אונ באצאהלט ניט, סאיי זיא איז ארעם אונ סאיי זיא איז רייך, טאר מען ניט נעמען בייא איר אמשכון שנאמר וואָרום עס שטייט אין פסוק ולא תחבול בגד אלמנה די קלייד פון א אלמנה זאלסטו ניט נעמען פאר אמשכון, אונ ניט נאר די קלייד טאר מען ניט נעמען בייא די אלמנה, נאר איין אנדער משכון טאר מען אויך ניט נעמען בייא איר החובל את הריחים אז דער מלוה נעמט אמשכון אמיהל שטיין עובר בלא תעשה איז ער עובר אויף אלאו וחייב משום שני כלים אונ אים קומט צווייא מאהל מלקות, אויף דיא ביידע שטיינער פון דעם מיהל שטיין וואס ער האט גענומען שנאמר וואָרום עס שטייט אין פסוק (דברים קאפיטול כד פסוק ו) לא יחבול רחים ורכב מען זאל ניט נעמען אמשכון אמיהל שטיין ניט דעם אונטערשטען שטיין אונ ניט דעם אויבערשטען שטיין, אונ אז ער נעמט ביידע שטיינער קומט אים צווייא מאהל מלקות ולא רחים ורכב בלבד אמרו אונ ניט נאר אמיהל שטיין אליין האט מען גיזאגט אז מען טאר ניט נעמען פאר אמשכון אלא כל דבר שעושין בו אוכל נפש נאר יעדער זאך וואס דער לוה פארדינט מיט דער זאך צום עסין, אונ אז מען וועט די זאך ביי אים צו נעמען פאר אמשכון וועט ער ניט האבין פון וואנען צו לעבין, טאר מען ניט נעמען די כלי פאר אמשכון שנאמר וואָרום עס שטייט אין פסוק אטעם פאר וואס טאר מען ניט נעמען דעם מיהל שטיין כי נפש הוא חובל וואָרום ער נעמט ביי אים דעם נפש. ער וועט ניט האבין פון וואנען צו לעבין וועט ער שטארבין פאר הונגער. אזוי יעדער זאך וואס דער מענטש לעבט דער פון טאר מען דאס ניט נעמען ביי אים פאר אמשכון:

רש"י גמרא ב"מ דף ק"ז ע"א רש"י

לא תזבין. לא תקנה שדה הסמוכה לעיר שעין בני הלכה פי' כלה כלי החיצון דומה דמלכות דכריתה בם אדם שולטת בה תמיד: אסור לאדם וכו'. שלא

אמר ליה רב יהודה לרבין בר רב נחמן רבין אחי לא תזבין ארעא דסמיכא למתא

דא"ר אבהו אמר רב הונא אמר רב אסור לו לאדם שיעמוד על שדה חבירו בשעה שעומדת בקמותיה. איני והא אשכחינהו ר' אבא לתלמידי דרב אמר להו מאי אמר רב בהני קראי ברוך אתה בעיר וברוך אתה בשדה ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך ואמרו ליה

אמר ליה רב יהודה לרבין בר רב נחמן רב יהודה האט גיזאגט צו רבין דער זוהן פון רב נחמן רבין אחי רבין מיין ברודער לא תזבין ארעא דסמיכא למתא זאלסט ניט קויפין אפעלד וואס זיא איז נאנט צו אשטאט, דיא מענטשין פון שטאט זאלין ניט קענען קוקען אויף דיא תבואה פון דיין פעלד וועלין זייא דיר קיין עין הרע געבין, פון וואנען ווייסין מיר אז מען קען געבין אעין הרע דאמר רבי אבהו אמר רב הונא אמר רב וואָרום רבי אבהו האט גיזאגט רב הונא האט גיזאגט פון רב'ס וועגין אסור לו לאדם שיעמוד על שדה חבירו בשעה שעומדת בקמותיה אמענטש טאר ניט שטיין געבין זיין חבר'ס פעלד ווען אין די פעלד שטייט פערטיגע תבואה צום אפשניידין, ער זאל ניט געבין אעין הרע, פרעגט דיא גמרא איני עס איז דאך ניט אזוי והא אשכחינהו רבי אבא לתלמידי דרב רבי אבא האט גיטראפין די תלמידים פון רב אמר ליה האט רבי אבא גיזאגט צו דיא תלמידים מאי אמר רב בהני קראי וואס האט רב גיזאגט ביי די פסוקים ברוך אתה בעיר גיבענטשט וועסטו זיין אין שטאט וברוך אתה בשדה אונ גיבענטשט וועסטו זיין אין פעלד ברוך אתה בבואך גיבענטשט וועסט זיין ווען דו וועסט קומען וברוך אתה בצאתך אונ גיבענטשט וועסטו זיין ווען דו וועסט ארויס גיין ואמרו ליה

יפסידנה כעין הרע : קרובין לעיר. שלא יהא טורח להכניס פירות : ספק נדה. וכל שכן ודאי : ואמר להו. רבי אבא ר' יוחנן לא אמר הכי : סמוך לשולחנך. כלומר סמוך לביתך שלא תצטרך להרחיק בשדות והא דנקט שולחנך שתוכל לבדוק עצמך לפני אכילה ולאחר אכילה כדאמרינן בשבת כדתניא הצריך לנקביו ואוכל דומ' לתנור שהסיקוהו על גבי אפר' ואחר אכילה שהמאכל דוחק ומוליא את המעוכל ואם יהא צריך להרחיק

הכי אמר רב ברוך אתה בעיר שיהא ביתך סמוך לביהכ"נ ברוך אתה בשדה שיהא נכסיך קרובים לעיר ברוך אתה בבואך שלא תמצא אשתך ספק נדה בשעת ביאתך מן הדרך ברוך אתה בצאתך שיהיו צאצאי מעיך כמותך ואמר להו רבי יוחנן לא אמר הכי אלא ברוך אתה בעיר שיהא בית הכסא סמוך לשולחנך אבל בהכ"נ לא ורבי יוחנן לטעמיה דאמר שכר פסיעות יש. ברוך אתה בשדה שיהיו נכסיך משולשים שליש בתבואה שליש בזתים שליש בגפנים. ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך שתהא יציאתך מן העולם כביאתך לעולם מה ביאתך לעולם בלא חטא אף יציאתך מן העולם בלא חטא ל"ק הא דמהדר לי' שורא ורתקא. הא דלא

פעמים שהעמוד חוזר וכא לידי הדרוקן אבל בית הכנסת סמוך לביתו לר' יוחנן לאו מעליותא הוא רבי יוחנן לטעמיה דאמר במסכת סוטה שכר פסיעות יש דאמר למדנו יראת חטא מבתולה וקבול שכר מאלמנה שאמרה לו ולא שכר פסיעות יש אם יש בית הכנסת בשכונה ואני באה לבית מדרשך להתפלל : משולשין. שיש שנה שלוקה בגפנים ובזתים ואין לוקה בתבואה ויש שנה שלוקה בזו ולא בזו ותהי לו פליטה : לא קשיא. דרב אדרב : שורא ורתקא

האבין די תלמידים געזאגט צו רבי אבא הכי אמר רב אזוי האט רב געזאגט ברוך אתה בעיר דו וועסט זיין געבענטשט אין שטאט שיהא ביתך סמוך לבית הכנסת דיין שטוב וועט זיין נאנט צו דיא שוהל ברוך אתה בשדה דו וועסט זיין געבענטשט אין פעלד שיהא נכסיך קרובים לעיר דיינע פעלדער וועלין זיין נאנט צו דיא שטאט, וועסטו קענען אויף זיי אכטונג געבין ברוך אתה בבואך דו וועסט זיין געבענטשט ווען דו וועסט קומען אהיים שלא תמצא אשתך ספק נדה בשעת ביאתך מן הדרך ווען דו וועסט קומען פון וועג צו זיך אהיים וועסטו ניט טרעפין פון דיין ווייב אז ביי איר וועט זיין אספק צו זיא איז אנדה אדער ניין. נאר דו וועסט איר טרעפין זיא איז געוויס אנדה, אדער געוויס קיין נדה, ווארום אויב ער וועט איר טרעפין געוויס קיין נדה, איז געוויס גוט, אונ אפילו ער וועט איר טרעפין געוויס אנדה, וועט ער אויך קיין צער האבין אונ וועט אויף איר ניט זיין בייז, ווארום ער ווייס אז יעדער אשה זעהט דם נדות, אונ ער וויים אז אנדה האט דיא תורה געאסרת צום מאן, אבער אז ער טרעפט זיא איז אספק נדה, ערשטונס וועט ער זיין בייז אויף זיין ווייב פאר וואס האט זיא ניט אכטונג גינעבין זיא זאל וויסען געוויס אויב זיא איז טהור אבער ניין, צווייטינס טאמער וועט ער אנהייבין קלערין ער זאל איר קענען טהור מאכין, ווייל די תאוה וועט אים פארבלענדין דיא אויגין, קען זיין ער וועט לערנען אפאלשין דין אונ וועט זאגין זיא איז טהור אונ אין אמת האט ער אטעות אין דין, זיא איז טמא ברוך אתה בצאתך דו וועסט זיין געבענטשט מיט דיא וואס וועלין ארויס גיין פון דיר שיהיו צאצאי מעיך כמותיך דיא קינדער וואס וועלין ארויס גיין פון דיינע גידערים וועלין זיין ווייא דו ביזט ואמר להו האט רבי אבא גיזאגט צו די תלמידים רבי יוחנן לא אמר הכי רבי יוחנן האט ניט אזוי גיזאגט אלא נאר אזוי האט רבי יוחנן גיזאגט ברוך אתה בעיר געבענטשט וועסטו זיין אין שטאט שיהא בית הכסא סמוך לשולחנך דו וועסט האבין אבית הכסא נאנט נעבין דיין טיש אבל בית הכנסת לא אבער אשוהל וועסטו ניט האבין נאנט צו דיין שטוב ורבי יוחנן לטעמיה אונ רבי יוחנן לערונט וויא זיין מיינונג איז דאמר שכר פסיעות יש וואס ער זאגט מען גיט שכר פאר דיא טריט וואס דער מענטש גייט צו טאהן אמצוה, וואס מער טריט ער האט צו גיין צו דיא מצוה האט ער מער שכר, דריבער אז די שוהל איז וויטער איז בעסער ברוך אתה בשדה געבענטשט וועסטו זיין אין פעלד שיהיו נכסיך משולשים דיינע פעלדער וועלין זיין געטיילט אין דריי טייל שליש בתבואה אויף אדריטיל וועט וואקסין תבואה שליש בזיתים אויף אדריטיל וועט וואקסין איילבירטען שליש בגפנים אויף אדריטיל וועט וואקסין ווייןשטאקין וברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך געבענטשט וועסטו קומען אונ געבענטשט וועסטו זיין ווען דו וועסט ארויס גיין, דאס מיינט מען שתהא יציאתך מן העולם כביאתך לעולם דיין ארויס גיין פון דער וועלט וועט זיין אזוי וויא דיין קומען אויף דער וועלט מה ביאתך לעולם בלא חטא אזוי וויא דיין קומען אויף דער וועלט איז דאך אן אזינד אף יציאתך מן העולם בלא חטא אזוי וועט זיין דיין ארויס גיין פון דיא וועלט אן אזינד סיי וויא איז דאך אקשיא, רב הונא זאגט פון רבס וועגין מען דארף מורא האבין פאר עין הרע, אונ רב זאגט עס איז אברכה אז אפעלד איז נאנט צו דיא שטאט, אונ מען האט ניט מורא פאר עין הרע, ענטפערט די גמרא לא קשיא עס איז קיין קשיא הא דמהדר ליה שורא ורתקא אויב עס איז דא ארום דיא פעלד אמאהער אדער אהויכער פארקאן, מען זאל ניט קענען אריבער קוקען ביז אין פעלד, איז גוט אז אפעלד איז נאנט צו שטאט הא דלא

מהדר

**תוספות**

תשעין וט' מתו בעין הרע וא' בדרך ארץ. וא"ת א"כ בני יוסף שלא שלטה בהן עין הרע היה נכון לחיות הרבה מכל השבטים וי"ל שמתו כדרך ארץ יותר מאחרי' כשהקדוש ברוך הוא היה רוצה להמיתן סיבב שולח לפס חלאים אחרים :

**גמרא**

מהדר ליה שורא ורתקא . והסיר ה' ממך כל חולי אמר רב זו עין רעה רב לטעמיה דרב סליק לבי קברי עבד מאי דעבד אמר תשעים ותשע בעין רעה ואחד בדרך ארץ ושמואל אמר זה הרוח שמואל לטעמיה דאמר שמואל הכל ברוח ולשמואל הא איכא הרוגי מלכות הנך נמי אי לאו זיקא עבדו להו סמא וחיי :

**רש״י**

חומה ורתוקת גדר של גלרים כמו חיל וחומה : כל חולי. דבר שכל החלאים תלוים בו וזו עין רעה : עבד מה דעבד. יודע היה ללחוש על הקברות ולהבין על כל קבר וקבר באיזו מיתה מת אם מת בזמנו או בעין רעה : הכל ברוח. כל החולאים ותולאות מיתה על נשיבת הרוח באים הכל לפי השעה והאדם יש לך אדם שרוח פלוני קשה לו ובשעה פלוני : והאיכא הרוגי מלכות. הרוגי חרב : אי לאו זיקא. שנכנס במכה : עבדי סמא וחיו. סם המחבר בשר חתוכה ומין העשבים הוא כדאמר בהמוכר את הספינה :

---

מְהַדֵר לֵיהּ שׁוּרָא וְרִתְקָא אונ אַרוּם אַרוּם דִיא פֶעלְד איז נִיטָא אָפְאהֶער אונ נִיט אָפְּאָרְקָאן אונ יֶעדֶער קֶען זֶעהֶן דִי תְּבוּאָה פוּן פֶעלְד, אִיז נִיט נוּר אַז דִיא פֶעלְד אִיז נֶעבִּין שְׁטָאט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְהֵסִיר ה' מִמְּךָ כָּל חוֹלִי נָאט וֶועט אָפְּטָאהֶן פוּן דִיר אַלֶע קְרַאנְקַייט אָמַר רַב זוּ עַיִן הָאט רַב גִיזָאגְט דָאס מֵיינְט מֶען דִיא קְרַאנְקַייט פוּן עַיִן הָרָע וֶועט גָאט אָפְּטָאהֶן רַב לְטַעְמֵיהּ רַב זָאגְט נָאךְ זַיין מֵיינוּנְג דְּרַב סָלִיק לְבֵי קִבְרֵי רַב אִיז אַמָאהְל גִיוֶוען אוֹיף אַבֵּית הַקְּבָרוֹת עֲבַד מַאי דַּעֲבַד עֶר הָאט דָארְט גִיטָאהְן וָואס עֶר הָאט גִיטָאהְן, רַב הָאט גֶעקֶענְט ווִיסֶען אוֹיף יֶעדֶער קֶבֶר דוּרְךְ וֶועלְכֶע קְרַאנְקַייט דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גִישְׁטָארְבִּין אָמַר צִ"ט בְּעַיִן רָעָה וְאֶחָד בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ הָאט רַב גִיזָאגְט נַיין אוּנ נֵיינְצִיג מֶענְטְשִׁין זֶענֶען גִישְׁטָארְבִּין פוּן עַיִן הָרָע אוּנ אֵיינֶער אִיז גִישְׁטָארְבִּין פוּן אַנְגֶעווֵיינְלִיכֶע קְרַאנְקַייט, אָדֶער מִיט זַיין עֶלְטֶער וּשְׁמוּאֵל אָמַר זֶה הָרוּחַ שְׁמוּאֵל זָאגְט דִי אַלֶע קְרַאנְקַייט וָואס גָאט וֶועט אָפְּטָאהֶן מֵיינְט מֶען עֶר וֶועט אָפְּטָאהֶן דִיא שְׁלֶעכְטֶע ווִינְטֶען שְׁמוּאֵל לְטַעְמֵיהּ שְׁמוּאֵל זָאגְט נָאךְ זַיין מֵיינוּנְג דְּאָמַר שְׁמוּאֵל הַכֹּל בְּרוּחַ וָוארוּם שְׁמוּאֵל הָאט גִיזָאגְט אַלֶע קְרַאנְקַייטִין אוּנ אַלֶע מֶענְטְשִׁין וָואס שְׁטַארְבִּין) קוּמֶען פוּן שְׁלֶעכְטֶע ווִינְטֶען, פְרֶעגְט דִי גְמָרָא וְלִשְׁמוּאֵל הָא אִיכָּא הֲרוּגֵי מַלְכוּת ווִי אַזוֹי קֶען שְׁמוּאֵל זָאגִין אַז אַלֶע שְׁטַארְבִּין נָאר פוּן ווִינְט, עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא מֶענְטְשִׁין ווָאס וֶוערִין גֶעהַרְגֶעט ווייל זֵייא הָאבִּין פַארְזִינְדִיגְט צוּם מֶלֶךְ, הָט שְׁמוּאֵל גִיזָאגְט הָנָךְ נַמִּי דִי שְׁטַארְבִּין אוֹיךְ פוּן ווִינְט אִי לָאו זִיקָא וָוארוּם וֶוען נִיט דֶער ווִינְט וָואס גֵייט אַרַיין אִין דִי מַכָּה עָבְדֵי לְהוּ סַמָּא וְחָיֵי וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט מַאכִין אַרְפוּאָה עֶר זָאל בְּלֵייבִּין לֶעבִּין :

## זוהר תרומה דף קל"ב ע"ב ת"ת דאגלות יוד הא ואו הא

אל ברוך דא סדורן דאתוון זעירין ותקוני כנסת ישראל בכל יומא בגלותא . ובגין דאינון אתוון זעירין לית רוותא בינייהו ואינון תקוני שלימתן דאתיין עם מטרוניתא לגבי מלכא עלאה. קדושה דא דקא מקדשי מלאכי עלאי לאו איהו ביחיד והא אוקימנא כל קדושה דאיהו בלשון הקודש יחיד אסור ליה למימר. תרגום לעולם ביחיד ולא בסגיאין ויחיד איהו תקונא דיליה ודאי ולא סגיאין . וסימן לרזא דא שנים מקרא ואחד תרגום . שנים ליסנא דסגיאין איהו דודאי קדושה דלשון הקדש אסור איהי ביחיד . קדושת תרגום אסור איהי בסגיאין אלא ביחיד לעולם. אחד תרגום תנינן ולא תרין ולא יתיר . תרגום אתיא למיעוטא והכי אצטריך . לשון הקדש אתיא לרבוייא והכי אצטריך. דמעלין בקדש ולא מורידין . ובתרגום מורידין ולא מעלין . אחד תנינן ולא יתיר ולא מעלין כלל . קדושה דא קדושתא דאתקדשת שכינתא וכל אינון רתיכין דילה לאתתקנא לגבי מלכא עלאה . ובגין דאיהי קדושת עלמא תתאה איהי מיושב ולא בעמידה . קדושה אחרא דאהדורי צלותא איהו קדושתא דעלמא עלאה ובגין כך איהי בעמידה בגין לאמשכא לה לתתא וכל מלוי דעלמא עלאה איהי בעמידה ולא מיושב . ובכל הני קדושתי ישראל מתקדשי בהו לתתא. וע"ד ישראל מתקדשי בקדושא דרתיכא תתאה מיושב ובקדושה דרתיכא עלאה מעומד . קדושה אחרא איהי תוספת קדושה בגיני כך איהי כתר צלותא . ובגין דאיהי תוספת קדושה על קדושן אחרנין איהי לבתר צלותא . ובגין דכל חד וחד בעי לאמשכא עליה מההוא תוספת אתתקן לכל יחיד ויחיד קדושת תרגום . ואי תימא הא אית בה קדושת לשון הקדש. ההוא לגבור לאתקדשא כלהו בכלל בההוא תוספת קדושה . ובגין דיחיד לית ליה רשות לאומרה בלשון הקדש ולאתקדשה יחידאי אתקינו לה בלשון תרגום ואיהו ביחיד לאתקדשא כל חד וחד בההוא תוספת לאמשכא עליה קדושה יתיר . זכאה חולקיהון דישראל דקא מתקדשי בקדושי עלאי בגין דאינון דבקין לעילא דכתיב (דברים ד) ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כלכם היום :

## הלכה פסוקה

תרמב"ם הלכות ק"ש פרק ג

(א) הקורא את שמע רוחץ ידיו במים קודם שיקרא הגיע זמן קריאתה ולא מצא מים קודם שיקרא לא יאחר קריאתה וילך לבקש מים אלא מקנח ידיו בעפר או בצרור או בקורה וביוצא בהן וקורא: (ב) אין קורין לא בבית המרחץ ולא בבית הכסא אע"פ שאין בו צואה ולא בבית הקברות ולא בצד המת עצמו ואם הרחיק ארבע אמות מן הקבר או מן המת מותר לקרות וכל מי שקרא במקום שאין קורין בו חוזר וקורא: (ג) בית הכסא החדש שהוכן ועדיין לא נשתמש בו מותר לקרות ק"ש כנגדו אבל לא בתוכו מרחץ החדש מותר לקרות בתוכו היו שני בתים

## יוסף לחק

## מוסר

משער קדושה ח"ב שער ד'

שלחו מתם איזהו בן העולם הבא ענותן ושפל ברך שייף עייל שייף נפיק וגריס באורייתא תדירא ולא מחזיק טיבותא לנפשיה ועתיד הקב"ה להיות עטרה בראש כל צדיק וכו' יכול לכל ת"ל ולשאר עמו למי שמשים עצמו כשירי' ובספר הזוהר פרשת שלח הכי פתח רב מתיבתא זכאה איהו מאן דאזעיר גרמי' בהאי עלמא כמה איהו רב בההוא עלמא מאן דאיהו זעיר איהו רב ומאן דאיהו רב איהו זעיר כו'. עוד שם פרשת תרומה אמאי אקרי יחזקאל בן בוזי דהוה מבזה גרמיה לגבי מאן דגדול מיני' וע"ד זכה למקרי בן אדם מה דלא איקרי הכי בר נש אחרא ואקרי רם כדכתיב

---

(א) הַקּוֹרֵא אֶת שְׁמַע רוֹחֵץ יָדָיו בְּמַיִם קוֹדֶם שֶׁיִּקְרָא דֶער מֶענְטְשׁ וָואס וויל לייֶענֶען קְרִיאַת שְׁמַע, זָאל עֶר וַואשְׁין דִיא הֶענְט מִיט וַואסֶער אֵייְדֶער עֶר לייֶענְט הִגִּיעַ זְמַן קְרִיאָתָהּ וְלֹא מָצָא מַיִם קוֹדֶם שֶׁיִּקְרָא אוֹיבּ עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ לייֶענֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּנ עֶר הָאט נִיט גֶעפוּנֶען וַואסֶער אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעלֵייֶענְט לֹא יְאַחֵר קְרִיאָתָהּ וְיֵלֵךְ לְבַקֵּשׁ מַיִם זָאל עֶר נִיט פַארְשְׁפֶּעטִיגֶען דָאס לייֶענֶען אוּנ גֵיין זוּכֶען וַואסֶער אֶלָּא מְקַנֵּחַ יָדָיו בֶּעָפָר אוֹ בִּצְרוֹר אוֹ בְּקוֹרָה וְכַיּוֹצֵא בָהֶן וְקוֹרֵא נָאר עֶר ווִישְׁט אָפּ דִיא הֶענְט אוֹיף דִי עֶרְד אָדֶער אוֹיף שְׁפֶּענְדְלִיךְ אָדֶער אוֹיף אַבֶּעלֶעק אָדֶער אוֹיף נָאךְ אַזעלְכֶע זַאכֶין אוּנ לייֶענְט קְרִיאַת שְׁמַע: (ב) אֵין קוֹרִין לֹא בְּבֵית הַמֶּרְחָץ וְלֹא בְּבֵית הַכִּסֵּא אַף עַל פִּי שֶׁאֵין בּוֹ צוֹאָה מֶען טָאר נִיט לייֶענֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִין אַבָּאד, אוּנ נִיט אִין אַבֵּית הַכִּסֵּא אֲפִילוּ עֶס אִיז נִיטָא אִינְוֶוייְנִיג צוֹאָה וְלֹא בְּבֵית הַקְּבָרוֹת אוּנ נִיט אִין אַבֵּית הַקְּבָרוֹת וְלֹא בְּצַד הַמֵּת עַצְמוֹ אוּנ נִיט נֶעבְּין אַמֵת וְאִם הִרְחִיק אַרְבַּע אַמּוֹת מִן הַקֶּבֶר אוֹ מִן הַמֵּת מוּתָּר לִקְרוֹת אוֹיבּ עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פִיר אֵיילִין פוּן קֶבֶר אָדֶער פוּן מֵת מֶעג עֶר לייֶענֶען קְרִיאַת שְׁמַע וְכָל מִי שֶׁקָּרָא בְּמָקוֹם שֶׁאֵין קוֹרִין בּוֹ חוֹזֵר וְקוֹרֵא אוּנ דֶער וָואס הָאט גֶעלֵייֶענְט קְרִיאַת שְׁמַע אוֹיף אַזוֹי אַאָרְט וָואס מֶען טָאר נִיט לייֶענֶען, מוּז עֶר נָאךְ אַמָאהְל לייֶענֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוֹיף אַזוֹי אַאָרְט וָואס מֶען מֶעג לייֶענֶען: (ג) בֵּית הַכִּסֵּא הֶחָדָשׁ שֶׁהוּכַן וַעֲדַיִין לֹא נִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ אַנַייעֶ בֵּית הַכִּסֵּא. וָואס זִיא אִיז נָאר אָנְגֶעגְרֵייט גֶעוָוארִין צוּ זַיין אַבֵּית הַכִּסֵּא, אוּנ מֶען הָאט נָאךְ נִיט גֶענִיצְט אִין אִיר מוּתָּר לִקְרוֹת קְרִיאַת שְׁמַע כְּנֶגְדּוֹ אוֹיבּ מֶען שְׁטֵייט אוֹיסְוֶוייְנִיג גֶעגֶען דִי בֵּית הַכִּסֵּא מֶעג מֶען לייֶענֶען קְרִיאַת שְׁמַע אֲבָל לֹא בְּתוֹכוֹ אָבֶּער אִין דֶעם בֵּית הַכִּסֵּא טָאר מֶען נִיט לייֶענֶען קְרִיאַת שְׁמַע מֶרְחָץ הֶחָדָשׁ אַנַייעֶ בָּאד וָואס מֶען הָאט זִיא נָאךְ נִיט גֶענִיצְט מוּתָּר לִקְרוֹת בְּתוֹכוֹ מֶעג מֶען לייֶענֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִין דִי בָּאד הָיוּ שְׁנֵי בָתִּים אוֹיבּ עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְווֵיי שְׁטוּבִּין

שָׁלְחוּ מִתָּם אֵיזֶהוּ בֶּן הָעוֹלָם הַבָּא מֶען הָאט גֶעשִׁיקְט פוּן דָארְט זָאגִין וֶועלְכֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבִּין עוֹלָם הַבָּא עַנְוְתָן וּשְׁפַל בֶּרֶךְ דֶער וָואס אִיז נִידֶערִיג בַּיי זִיךְ שַׁיְיף עַיֵּיל שַׁיְיף וְנָפִיק עֶר גֵייט אַרַיין אַייְנְגֶעבּוֹיגִין אוּנ גֵייט אַרוֹיס אַייְנְגֶעבּוֹיגִין וְגָרִיס בְּאוֹרַיְיתָא תְּדִירָא אוּנ עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה שְׁטֶענְדִיג וְלָא מַחֲזִיק טִיבוּתָא לְנַפְשֵׁיהּ אוּנ עֶר הַאלְט נִיט בַּיי זִיךְ אַז דָאס אִיז אַגוּטֶס פוּן אִים אַז עֶר טוּהְט אַזוֹי וְעָתִיד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִהְיוֹת עֲטָרָה בְּרֹאשׁ כָּל צַדִּיק אוּנ גָאט אִיז אָנְגֶעבְּרֵייט צוּ זַיין אַקְרוֹין אוֹיף דִי קָאפּ פוּן יֶעדֶער צַדִּיק יָכוֹל לְכָל אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען צוּ אַלֶע צַדִּיקִים וֶועט גָאט זַיין אַקְרוֹין תַּלְמוּד לוֹמַר וְלִשְׁאָר עַמּוֹ זָאגְט דֶער פָּסוּק צוּ דִי אִיבֶּערְבְּלַייבּוּנְג פוּן זַיין פָאלְק לְמִי שֶׁמֵּשִׂים עַצְמוֹ כְּשִׁירַיִם גָאט וֶועט זַיין אַקְרוֹין צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט זִיךְ פַאר גָאר נִישְׁט וּבְסֵפֶר הַזּוֹהַר פָּרָשַׁת שְׁלַח אִין זוֹהַר אִין דִי סִדְרָה שְׁלַח שְׁטֵייט אַזוֹי הָכִי פָּתַח רַב מְתִיבְתָּא אַזוֹי הָאט אָנְגֶעהוֹיבִּין דֶער גְרֶעסְטֶער פוּן דִיא יְשִׁיבָה זַכָּאָה אִיהוּ מַאן דְּאַזְעִיר גַּרְמֵיהּ בְּהַאי עָלְמָא וְואוֹהְל דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס מַאכְט זִיךְ קְלֵיין אוֹיף דִיא וֶועלְט כַּמָּה אִיהוּ רַם בְּהַהוּא עָלְמָא וִויא דֶער הוֹיבִּין אִיז עֶר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט מַאן דְּאִיהוּ זְעֵיר אִיהוּ רַב דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בַּיי זִיךְ קְלֵיין אוֹיף דִיא וֶועלְט וֶועט עֶר זַיין גְרוֹיס אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וּמַאן דְּאִיהוּ רַב אִיהוּ זְעֵיר אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בַּיי זִיךְ גְרוֹיס אוֹיף דִיא וֶועלְט וֶועט עֶר זַיין קְלֵיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט עוֹד בְּסֵפֶר תְּרוּמָה נָאךְ שְׁטֵייט אִין סֵפֶר הַתְּרוּמָה אַמַּאי אִקְרֵי יְחֶזְקֵאל בֶּן בּוּזִי פַאר וָואס הָאט מֶען גֶערוּפִין דֶעם נָבִיא יְחֶזְקֵאל "בֶּן בּוּזִי" עַל דַּהֲוָה מְבַזֶּה גַּרְמֵיהּ לְגַבֵּי מַאן דְּגָדוֹל מִנֵּיהּ ווייל עֶר פְלֶעגְט זִיךְ פַארְשֶׁעמֶען אוּנ פְלֶעגְט בֶּעדִינֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גְרֶעסֶער פַאר אִים אִין תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת וְעַל דָּא זָכָה לְמִקְרֵי בֶּן אָדָם דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען מֶען זָאל אִים רוּפִין בֶּן אָדָם מַה דְּלָא אִקְרֵי הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא וָואס קֵיין מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי גֶערוּפִין גֶעוָוארִין וְאִקְרֵי רָם אוּנ עֶר אִיז גֶערוּפִין גֶעוָוארִין רָם כִּדְכְתִיב ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בְּרַכְאֵל הַבּוּזִי מִמִּשְׁפַּחַת רָם. בְּרַכְאֵל מֵיינְט מֶען דֶעם נָבִיא יְחֶזְקֵאל, עֶר וֶוערְט גֶערוּפִין בּוּזִי. ווייל עֶר הָאט

זיך

